STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05752

DI BROKHE FUN DER ERD

Aaron Alperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן אַלפּערין

די ברכה פון דער ערד

75 יאָר קרן קימת לישראל

אַרויסגעגעבן דורכן הויפּט־ביוראָ פון קרן קימת לישראל — אויפקלערונגס־אָפּטייל

ירושלים
מנחב אב תשל"ו — אויגוסט 1976

Printed in Israel

נדפס בדפוס קואופרטיבי "אחוה", ירושלים

1. מיטן פנים צו דער צוקונפט

"מיר קאָנען ניט דערלאָזן צו אַ צושטאַנד, אַז וועלכער עס איז טייל פון אונדזער לאַנד זאָל בלייבן וויסט. מיר מוזן באַפלאַנצן מיט וועלדער די מדבר־געגנטן, מיר דאַרפן מאַכן פרוכטבאַר די זאַמדיקע שטחים. מיר דאַרפן אַריינברענגען אין דער מדינה אַ נייע באַפעלקערונג, וואָס זאָל לעבן און אַרבעטן ביי לאַנדווירטשאַפט.

"דאָס איז די אויפגאַבע, וואָס דער קרן קימת לישראל דאַרף ווייטער דורכפירן, דאָס איז די שליחות, וואָס קרן קימת האָט דערפילט ביז איצט און דאַרף ווייטער דערפילן אין דער צוקונפט". —

די דאָזיקע צוואה האָט אונדז איבערגעלאָזט דער גרינדער און הויפּט־אַרכיטעקט פון דער יידישער מדינה, דער ערשטער פּרעמיער און פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער פון ישראל, דוד בן־גוריון.

אין זיין דערקלערונג, וואָס קלינגט ווי אַן אָנזאָג און אַ געבאָט פאַר איצט און פאַר די קומענדיקע דורות אין מדינת ישראל האָט דוד בן־גוריון באַטאָנט:

"מיר האָבן פּראָקלאַמירט אונדזער אומאָפּהענגיקייט. מיר האָבן אָפּגעשטויסן דעם אָנפאַל פון די שונאים. מיר האָבן געעפנט די טויערן פון ישראל פאַר אַלע יידן פון דער וועלט, וועלכע ווילן אָדער דאַרפן קומען, אָבער מיט דעם האָט אונדזער קאַמף זיך נאָך ניט פאַרענדיקט. דאָס איז בלויז דער אָנהייב. מיר מוזן נאָך דעראָבערן, אַנטוויקלען און מאַכן אויפלעבן דעם וויכטיקסטן און הויפּט־פאַקטאָר, פון וועלכן עס זענען אָפּהענגיק אונדזער פרייהייט, אונדזער עקאָנאָמיע, אונדזער עצם־עקזיסטענץ — דעם באָדן אונטער אונדזערע פיס, דאָס לאַנד אַליין".

און דוד בן־גוריון האָט אין קורצע, וואָגיקע ווערטער אָנגעצייכנט דאָס פונדאַמענטאַלע פּראָגראַם, וואָס דער קרן קימת לישראל דאַרף פאַרווירקלעכן אין דער צוקונפט פאַר דעם קיום, פאַר דעם אויפבוי און פאַר דער באַפעסטיקונג פון מדינת ישראל:

"די גרויסע וויסטע געגנטן אין לאַנד רופן אונדז. מיר דאַרפן באַקליידן אונדזערע נאַקעטע בערג מיט גרינע וועלדער. מיר דאַרפן באַפלאַנצן די פאַרלאָזענע, פאַרנאַכלעסיקטע באַרגיקע שטחים מיט פעלדער און גאָרטנס. מיר דאַרפן מאַכן פרוכטבאַר אונדזערע ים־ברעגן צו ווערן אַ פעסטונג פאַר ישראלס פאַרטיידיקונג. עס זענען פאַראַן גרויסע וויסטענישן, וועלכע מיר מוזן אויפלעבן, בכדי צו באַזעצן און איינאָרדענען דאָרט די משפחות פון די נייע עולים, וועלכע וועלן דאָרט פירן

זייער ביי לעבן. און אין דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט דער קרן קימת איבער־געשטיגן אַלץ, וואָס איז ביז איצט געטאָן געוואָרן פאַר דעם אין דער מדינה".

און אויסרעכענענדיק די היסטאָרישע פאַרדינסטן פון ייִדישן נאַציאָנאַל־פאָנד אין דער פאַרגאַנגענהייט פאַר גאולת הארץ, פאַר אויסלייזן גרויסע געגנטן פון לאַנד — וועלכע האָבן אויך געהאַט אַ זייער וויכטיקע סטראַטעגישע באַדייטונג ביי דער פּראָקלאַמירונג און פאַרטיידיקונג פון דער ייִדישער מדינה, — און פאַר דער אַנטוויקלונג און אויפלעבונג פון אַן אַנגעזעענעם טייל פון ישראלס וויסטע־נישן ביז איצט, האָט דוד בן־גוריון אין זיין צוואה־דערקלערונג אונטערגעשטראָכן די אויפגאַבן און פליכטן פון קרן קימת לישראל אין דער נאָענטער צוקונפט:

"עס איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קרן קימת לישראל צו זאַמלען און באַנוצן די הילף פון וועלט־ייִדנטום פאַר ווידעראויפלעבן אונדזער לאַנד. דער ייִדישער נאַציאָנאַל־פאָנד איז די אויסגעפּרוווטע אינסטיטוציע פון ייִדישן פאָלק, מיט דעם אַלגעמיינעם און פולסטן צוטרוי פאַר דער דורכפירונג פון דער שליחות. מיט דער דאָזיקער אחריות און מיט דעם צוטרוי דאַרף דער קרן קימת לישראל ווייטער אָנגיין מיט זיין אַרבעט און דערפילן זיין פליכט אין דער צוקונפט".

פייערנדיק איצט דעם 75־יעריקן יובילײ פון זיין גרינדונג אין 1901 אַלס אַ פאָנד, וואָס וועט לויט הערצלס פאָרמולירונג — וועלכע איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־באַזיס פון ישראלס סאָציאַלער סטרוקטור — דינען דערפאַר, אַז "דאָס פאָלק וועט ניט נאָר אויסלייזן דעם באָדן אין ארץ־ישראל נאָר בלייבן אויף אייביק דער אייגנטימער פון לאַנד", גיט זיך אָפּ דער קרן קימת אַ חשבון וועגן זיינע אויפגאַבן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער צוקונפט און מאַכט זיינע פּלענער פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און אויפבלי פון ישראל — מיט דער וויזיע פון יאָר 2000 אין דער ייִדישער מדינה.

"אין יאָר 2000 וועלן מיר שניידן דאָס, וואָס מיר פאַרזייען איצט" — ווערט באַטאָנט אין אַ דערקלערונג פון קרן קימת לישראל אין ירושלים, לכבוד דער פייערונג פון 75־יעריקן יובילײ. — "אַלץ, וואָס מיר טוען איצט, וועט באַשטימען דאָס בילד און דעם גורל פון לאַנד אין די קומענדיקע פינף און צוואַנציק יאָר און שפּעטער".

וואָס דער קרן קימת לישראל האָט דערגרייכט אין די פאַרגאַנגענע פינף און זיבעציק יאָר פון זיין קיום און אַרבעט, האָט אַ פונדאַמענטאַלן ווערט ניט בלויז פאַר ישראל און פאַרן ייִדישן פאָלק, נאָר איז אויך אַ געלונגענער עקספּערימענט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַנדערע לענדער און אַ ביישפּיל פאַר דעם קומענדיקן יאָרהונדערט. באַזירנדיק זיך אויף זיינע דערגרייכונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט

איז דער 75יעריקער נאַציאָנאַל־פאָנד איצט אינמיטן פון זיינע פאַרמעסטונגען פאַר בויען די צוקונפט — מיט נייע דרייסטע און ברייט־פאַרצווייגטע מאָדערנע פּלענער — אַנטשפּרעכנדיק צו די נייע באַדינגונגען און באַדערפענישן.

אַט זענען עטלעכע פון די הויפּט־אַרבעטן פון קרן קימת, וואָס זענען געווען דער יסוד פון אַלע אָנשטרענגונגען פאַר ווידעראויפלעבן דאָס אַלט־נייע יידישע היימלאַנד אין די פאַרגאַנגענע 75 יאָר, און וואָס וועלן באַקומען נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג אין דער צוקונפט:

אין יאָר 2000 וועלן די נייע מעטאָדן אין דער אַגריקולטור, וואָס ווערן שוין איצט איינגעפירט און וועלן נאָך ווייטער מאָדערניזירט ווערן מיט דער הילף פון קרן קימת, דערפירן דערצו אַז עס וועלן זיין גענוג ד ר י י דונאַם לאַנד פאַר אויסהאַלטן בהרחבה אַ פאַרמער־פאַמיליע, אַנשטאָט דעם, וואָס איצט איז פאַר דעם נייטיק אַ דאָרפישע ווירטשאַפט פון פופציק דונאַם. אַ דאַנק דעם וועלן די לאַנדווירטן אין ישראל ווייזן אַ ביישפּיל און אויך קאָנען צושטעלן פאַר אַנדערע לענדער שפּייז־פּראָדוקטן אין אַ צייט, ווען די וועלט וועט האָבן זייער אַ גרויס פּראָבלעם וועגן באַשפייזן די גיך־וואַקסנדיקע באַפעלקערונג אויף אונדזער ערד.

פאַר באַזייטיקן אַט די מורא פאַר הונגער, וואָס באַשעפטיקט שוין איצט אַ סך עקספּערטן אין דער וועלט איז דאָ די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אויפצולעבן און מאַכן פרוכטבאַר די וויסטענישן, וואָס שפּרייטן זיך אויס נאָך איצט איבער ריזיקע טיילן פון אונדזער ערד. דער קרן קימת האָט אויף דעם געביט שוין אויפגעטאָן אַ סך, וואָס קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע לענדער. פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון נגב איז דער מדבר שוין פאַרטריבן און באַדעקט געוואָרן מיט פעלדער און וועלדער. אין דער ע ר ב ה האָט דער קרן קימת דערמעגלעכט איינצופירן אַ לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז צוגעפאַסט צו די באַדינגונגען פון מדבר. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן ביז איצט. און אין דער צוקונפט פאַרמעסט זיך דער קרן קימת צו מאַכן אויפלעבן אַלע וויסטע געגנטן אין ישראל און שפּילן דורך דעם אַ גרויסע ראָלע אין דעם קאַמף קעגן מדבר און הונגער אין דער גאַנצער וועלט.

אין יאָר 2000 וועלן דאָס פּראָגרעס פון דער מאָדערניזאַציע און די פאַרקירצטע אַרבעטס־שעהן דערפירן צו אַן ערנסטן פּראָבלעם וועגן דעם, ווי אַזוי מען זאָל אויסנוצן און פאַרברענגען די פרייע צייט. דער ווייטערדיקער פאַרשריט פון דער אינדוסטריאַליזאַציע וועט אויך פאַרשאַרפן די פראַגע וועגן די עקאָלאָגישע באַדינגונגען. דער קרן קימת באַשעפטיקט זיך שוין איצט מיט די ביידע פּראָבלעמען. דערפאַר וועט פאַרנעמען אַ כסדר־גרעסערן פּלאַץ אין דער אַרבעט פון יידישן

נאַציאָנאַל־פאָנד דאָס פאַרמעסטן זיך צו לייזן די צוויי פּראָבלעמען. באַזונדערס וועט זיין נויטיק צו געפינען אַן ענטפער אויף די פראַגן פאַר דער באַפעלקערונג פון די שטעט, וואָס וועט שטאַרק אויסוואַקסן. עס וועלן דאַרפן געשאַפן ווערן מער מעגלעכקייטן פאַר אָפרו פון די יאָגענישן און שפּאַנונג אין שטאָטישן לעבן. די בעסטע אָפרו־ערטער זענען אין וועלדער, דורך וועלכע עס קאָן אויך געפונען ווערן אין אַ גרויסער מאָס אַ לייזונג פאַר דעם עקאָלאָגישן פּראָבלעם. קרן קימת האָט ביז איצט פאַרפלאַנצט אין ישראל 600,000 דונאַם לאַנד מיט וועלדער, וואָס זענען בעיקר באַשטימט אַלס אָפרו־ערטער פאַר די איינוווינער פון די שטאָטישע צענטערס. אין יאָר 2000 וועט דער קרן קימת, לויט זיינע פּלענער, האָבן באַדעקט מיט וועלדער צוויי מיליאָן מיט 500,000 דונאַם לאַנד אין דער מדינה, מער פון פיר מאָל אַזוי פיל ווי איצט.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער וועלט און פון דער מענטשהייט איז נאָך ניט פאַרצייכנט געוואָרן אַזאַ רעקאָרד פון דערגרייכונגען אין דער ראַדיקאַלער ענדערונג פון דעם אויסזען פון אַ לאַנד, און פון דער לאַנדווירטשאַפט, ווי עס איז געשען אין ארץ־ישראל אין די 75 יאָר אַרבעט פון קרן קימת — דורך דער אויפלעבונג פון די וויסטענישן, אויסטריקענונג פון זומפּן, באַפלאַנצונג פון נאַקעטע בערג; אויפבלי פון פעלדער, וועלדער און פאַרקן. און אין די קומענדיקע 25 יאָר פאַרמעסט זיך דער קרן קימת אַריבערצושטייגן אַ סך די ביז־איצטיקע דערגריי־כונגען. די 75 יאָר קיום און אַקטיוויטעטן פון קרן קימת זענען אַ גלאַנצרייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און פון דער ווידעראויפריכטונג פון אַלט־נייעם יידישן היימלאַנד אין ארץ־ישראל. דאָס ווונדערלעכע קאַפּיטל פון דער פאַרגאַנגענהייט וועט דערציילט ווערן אין די ווייטערדיקע שילדערונגען — מיטן פּנים כסדר צו דער צוקונפט.

2. ״יאָ, אָדער ניין!״ — הערצל פירט דורך די אַנטשיידונג

״די פראַגע, וועלכע מיר האָבן איצט פאַר אונדז און וועגן וועלכער דער קאָנגרעס דאַרף זיך קלאָר אַרויסזאָגן, איז: זאָלן מיר באַלד אָנהייבן די אַרבעט פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, יאָ אָדער ניט? (אויסרופן: יאָ!) איר וועט דאַרפן באַשליסן, צי מיר זאָלן ווידער אָפּלייגן די גרינדונג פון פאָנד אויף צוויי יאָר, ביזן קומענדיקן קאָנגרעס, און ווער ווייסט, אויף ווי לאַנג נאָך. (אויסרופן: ניין!) דאָס וועט זיין דער זין פון דער אָפּשטימונג, וואָס מיר גייען איצט דורכפירן!״ —

אַזוי האָט ד״ר בנימין זאב הערצל, פּרעזידירנדיק דעם פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַוועקגעשטעלט דאָס פּראָבלעם וועגן שאַפן דעם קרן קימת לישראל,

פאַדערנדיק אַ באַלדיקן קלאָרן באַשלוס. די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פערטן טאָג פון די פאַרהאַנדלונגען פון קאָנגרעס, דעם 29סטן דעצעמבער 1901. זיבט 10 אַזייגער אינדערפרי האָבן די דעלעגאַטן אונטערן פאָרזיץ פון וויצע־פּרעזידענט פון קאָנגרעס, דעם פירער פון די רוסישע ציוניסטן, ד"ר יחיאל טשלענאָוו, שוין דיסקוטירט די פראַגע. און עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען הערצל אַליין האָט איבערגענומען דעם קאָנגרעס־האַמער צו פאַרענדיקן די דיסקוסיע און באַשליסן.

פריער זענען געהאַט געמאַכט געוואָרן צוויי פאַרשלאָגן. איינער — וועגן אָפּ־לייגן דעם גאַנצן ענין ביזן ווייטערדיקן קאָנגרעס אין צוויי יאָר אַרום, און אַ צווייטער — וועגן דערקלערן דעם סטאַטוט פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס איז געבראַכט געוואָרן צום קאָנגרעס אַלס אַ פּראָוויזאָרישן, וועלכער דאַרף נאָך רעווי־דירט ווערן דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע און ווידער איופגענומען ווערן ביים קומענדיקן קאָנגרעס. הערצל האָט זייער שאַרף זיך אַרויסגעזאָגט קעגןביידע פאַרשלאָגן.

די דיסקוסיע האָט אָנגענומען אַ דראַמאַטישן כאַראַקטער. דער ציוניסטישער קאָנגרעס — הערצלס שאַפונג, — האָט דורכגעמאַכט איינעם פון זיינע גרויסע טעג. דער זאַל פון קאַסינאָ אין באַזעל האָט זיך צעשטורעמט, ווי ערב אַ היסטאָ־רישער אַנטשיידונג.

"מיר האַלטן ביים גרינדן די וויכטיקסטע אינסטיטוציע פאַרן יידישן פאָלק" — האָט שטאַרק אָפּגעהילכט אַ וואָרט אין דער צעפלאַקערטער דעבאַטע.

"אויב איר וועט איצט דערקלערן דעם סטאַטוט פאַר פּראָוויזאָריש, וועט איר זיך מאַכן בלויז לעכערלעך. ווער וועט געבן געלט פאַר אַ פאָנד מיט אַ פּראָווי־זאָרישן סטאַטוט?" — האָט הערצל ווייטער באַטאָנט מיט זיין קלאָרער אינספּי־רירנדער שפּראַך — "און אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שפּריכוואָרט: שאַפן אַ קאָמיסיע איז דאָס זיכערסטע מיטל פאַר גאָרניט טאָן, פאַר באַגראָבן אַ פּלאַן".

באַלד איז דוד וואָלפסאָן געקומען צו־הילף הערצלען:

"מיר גייען שאַפן דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד פאַר אייביקע צייטן, און אונדזער באַשלוס דאַרף זיין אָן אייבשטימיקער!" — האָט פּראָקלאַמירט און געפאָדערט הערצלס נאָכפאָלגער אויף דעם אַמט פון פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

"יאָ, אָדער ניין? ווער איז דערפאַר?" — איז הערצל גלייך צוגעטראָטן צו דער אָפּשטימונג.

ביי אַ גרויסן בייפאַל, מיט באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן — איז פאַרשריבן

אין פראָטאָקאָל פון דעם קאָנגרעס — איז דער פאָרשלאָג וועגן גרינדן באַלד דעם קרן קימת לישראל אָנגענומען געוואָרן מיט די שטימען פון אַלע דעלעגאַטן, מיטן אויסנאַם פון איין־איינציקן. אַ כוואַליע פון פרייד און התלהבות האָט זיך דורכ־געטראָגן איבערן גאַנצן זאַל. פון אַלע זייטן זענען צוגעקומען דעלעגאַטן צו דער טריבונע און זיך געאײַלט צו ווערן די ערשטע ביישטייערער פאַרן געגרינדעטן פאָנד.

אַ פאַרשטייער פון די דייטשע ציוניסטן האָט מיטגעטיילט, אַז זיין גרופּע גיט צוויי טויזנט מאַרק צום אָנדענק פון פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּיראָ, דעם פאָטער פון דער אידעע פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. "דאָס געלט איז געזאַמלט געוואָרן אַ גראָשן נאָך אַ גראָשן פון אָרעמע סטודענטן" — האָט ער דערקלערט, ווערנדיק שטאַרק באַדאַנקט, אין דער יום־טובדיקער שטימונג, פון גאַנצן קאָנגרעס.

די גרינדער פון ציוניזם האָבן גוט געוווּסט און געהאַט דאָס ריכטיקע פאַר־געפיל, ווען זיי האָבן דעם באַשלוס וועגן גרינדן דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד — מיט די אידייען, וואָס זענען אויף אייביק געבליבן זיין יסוד — אָנגענומען מיט אַזאַ גרויסער פייערלעכקייט.

דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד — פאַר וועלכן עס איז אין סטאַטוט געגעבן געוואָרן גלייך אויך אַ העברעישער נאָמען: קרן קימת לישראל — וועט זיין און וועט אויף אייביקע ציטן בלייבן דאָס אייגנטום פון גאַנצן יידישן פאָלק — איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ביים אָננעמען דעם באַשלוס, אין הסכם מיט פּראָפעסאָר הערמאַן (צבי) שאַפּיראָס פּראָגראַם, וואָס איז פאַרן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס שוין געווען אַ הייליקע צוואה.

דער טרוימער פון ציוניזם נאָך פריער, פאַר הערצלען, אייבער פון די שענסטע און גייסטרייכסטע פּערזענלעכקייטן אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס־באַווע־גונג פון יידישן פאָלק, פּראָפעסאָר הערמאַן (צבי) שאַפּיראָ, דער ישיבה־בחור פון קליינעם ליטווישן שטעטל, רב און מאַטעמאַטיקער — וועמען אַלבערט איינשטיין האָט געהאַלטן פאַר אַ גאון — איז אַרויסגעקומען מיט דער אידייע וועגן גרינדן דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד נאָך אַ לאַנגע צייט פריער, איידער הערצל האָט געשאַפן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. שוין אין 1883 האָט שאַפּיראָ אָנגע־הויבן פּראָפּאַגירן דעם פּלאַן וועגן קרן קימת לישראל, אַלס דעם פאָנד פאַר גאולת הארץ, אין דער דעמאָלט פּראָמינענטער העברעישער צייטשריפט "המליץ", וואָס איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַלעקסאַנדער צעדערבוים אין פּעטערבורג. אַ יאָר שפּעטער, אין 1884, האָט שאַפּיראָ פאָרגעשלאָגן זיין פּראָיעקט פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ פון די "חובבי ציון", וואָס איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין

קאַטאָוויץ און איז פּאַקטיש געווען די פּאַרלויפער פון ערשטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, וועלכן הערצל האָט צונויפגערופן אין באַזעל, אין 1897. און דאָן, ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז פּראָפעסאָר שאַפּיראָ אַרויסגעטראָטן מיט אַ דראַמאַטישער מאָטיווירונג פון זיין אידייע:

„לאָמיר זיך פאָרשטעלן" — האָט געזאָגט דער פּאָטער פון קרן קימת לישראל — „אַז ווען אונדזערע אבות זענען אַוועקגעגאַנגען אין גלות, האָבן זיי אַוועקגע־לייגט און פאַרזיכערט פאַר דער צוקונפט אַ באַשטימטע סומע, ווען אפילו אַ קליינע. ווען מיר וואָלטן איצט געהאַט דאָס געלט, וואָלטן מיר געקאָנט אָפּקויפן גרויסע שטחים לאַנד אין ארץ־ישראל. דאָס וואָס אונדזערע אבות האָבן טיילווייז ניט געקאָנט טאָן און טיילווייז פאַרנאַכלעסיקט, דאַרפן מיר איצט טאָן פאַר אונדז אַליין און פאַר די קומענדיקע דורות. אָבער עס איז פאַראַן די סכנה, אַז געלטער וואָס ווערן אַוועקגעלייגט, ווערן שפּעטער באַנוצט ניט פאַר די צוועקן, פאַר וועלכע זיי זענען לכתחילה באַשטימט געוואָרן. און בכדי צו פאַרהיטן דערפון מאַך איך אַ פאָרשלאָג מיט אַ ריי פּונקטן".

פּראָפעסאָר שאַפּיראָ האָט דאַן אויסגערעכנט די פּונקטן, פון וועלכע די וויכטיק־סטע זענען געווען:

דער פאָנד וועט געזאַמלט ווערן צווישן אַלע יידן אין דער וועלט, סיי אָרעם סיי רייך, אָן אונטערשיד.

צוויי דריטל פון דעם פאָנד דאַרפן באַשטימט ווערן פאַר איינקויפן לאַנד און איין דריטל פאַר באַאַרבעטן, מאַכן אויפבליען, באַפּלאַנצן און באַדעקן מיט פעלדער די איינגעקויפטע שטחים.

די איינגעקויפטע שטחים לאַנד בלייבן אויף אייביק דאָס אייגנטום פון קרן קימת לישראל (וואָס מיינט פון יידישן פאָלק). קיין שום טייל טאָר ניט פאַרקויפט ווערן צו פּריוואַטע יידן אויף אייביק, נאָר פאַרדונגען ווערן צום לענגסטן אויף 49 יאָר.

די דאָזיקע פּרינציפּן, וואָס פּראָפ' שאַפּיראָ האָט איינגעשטעלט פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד — אין הסכם מיטן געזעץ פון תורת משה: „והארץ לא תמכר לצמיתותו" (ויקרא כה — כג) — מיט אַכציק יאָר צוריק, זענען שטרענג אָפּגעהיטן געוואָרן. דער פּונקט וועגן פאָלקס־אייגנטום פון לאַנד, וואָס איז די באַזע פון קרן קימת, איז אין 1960 אויך געוואָרן דאָס געזעץ פון מדינת ישראל, אין אַ באַשלוס פון דער כנסת.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געגעבן זיין צושטימונג, אָבער האָט ניט געגרינדעט דעם קרן קימת לישראל. אַ יאָר שפּעטער איז פּראָפ' שאַפּיראָ

געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג, מיט די לעצטע ווערטער אויף זיינע ליפּן וועגן דער אידייע פון ציוניזם און פּלאַן פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד: „מיר מוזן שטרעבן און האָבן אמונה. און סוף־כל־סוף וועלן מיר טריומפירן".

פּראָפעסאָר שאַפּיראָס חלום מיט דעם טיפן גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג האָט איבערגענומען אַ צווייטער, דער פּראָמינענטער און פאַרדינסטפולער טרוימער און קעמפער פון ציוניזם, הערצלס באַגייסטערטער מיטאַרבעטער, אינזשיניער יונה קרעמענעצקי אין ווין. ביי די ווייטערדיקע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט ער ניט אויפגעהערט צו אַגיטירן פאַר דער אידייע פון קרן קימת. ביים פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1900 אין לאָנדאָן, האָט קרעמענעצקי געפּועלט, אַז דער פּלאַן זאָל אין פּרינציפּ אָנגענומען ווערן. די גרינדונג פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד מיט דעם ענדגילטיקן סטאַטוט — לויט די עיקר־פאָרשלאָגן פון פּראָפעסאָר שאַפּיראָ — איז, ווי אויבן געזאָגט, באַשלאָסן געוואָרן ערשט ביים פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

כמעט איינשטימיק מיט די ערשטע ביישטייערונגען, וואָס זענען נאָכן אָננעמען דעם באַשלוס געגעבן געוואָרן פאַרן קרן קימת גלייך אויף דער היסטאָרישער זיצונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, זענען איינגעפירט געוואָרן די קוואַלן, פון וועלכע דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד קריגט ביזן היינטיקן טאָג אַ גרויסן טייל פון די מיטלען פאַר זיין אַרבעט.

די ערשטע נדרים פאַרן קרן קימת ביי קריאת התורה זענען געגעבן געוואָרן בעת דעם פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין דער סינאַגאָגע אין באַזעל. מיט דעם איז אויך געוועזן פאַרבונדן אַ כאַראַקטעריסטישער אינצידענט, וועלכן הערצל האָט פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך. דוד וואָלפסאָן האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל דעם שבת אויפרופן צו דער תורה דרייסיק מאַן, דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, וועלכע וואָלטן מנדר געווען גרעסערע סומעס. אָבער דער פּרעזידענט פון דער סינאַגאָגע, דרייפוס, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, זאָגנדיק: „קיין שום ספּעציעלע פּריווילעגיעס". צום סוף זענען אויפגערופן געוואָרן בלויז הערצל, דוד וואָלפסאָן, סער פרענסיס, אברהם מאָנטעפיאָרע און י. מאָזער, פון ברעדפאָרד, ענגלאַנד, וועלכער האָט אויך שפּעטער געגעבן גרעסערע געלטער פאַרן קרן קימת.

דער „ספר הזהב" פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד איז איינגעפירט געוואָרן אין 1902. אַ גופא ציוניסטן האָט געוואָלט איינשרייבן הערצלען דעם ערשטן, אָבער דער גרינדער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט דערקלערט, אַז דער דאָזיקער כבוד קומט פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּיראָן, צו ערן זיין אָנדענק. הערצל פיגורירט אויפן צווייטן אָרט אין „ספר הזהב". פון דאַן אָן איז דער „ספר הזהב" דאָס יחוס־בוך פאַר דעם כבוד און אָנדענק פון יידישע און נישט־יידישע פּער־

זענלעכקייטן, וועמען עס ווערט אויף דעם אופן אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט פֿאַר זייער הילף אין דער ווידעראויפֿריכטונג פֿון יידישן היימלאַנד.

אין 1902 זענען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע מאַרקעס פֿון קרן קימת דורך דעם ערשטן פּרעזידענט פֿון יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד, יונה קרעמענעצקי. אויף דער מאַרקע איז געווען די צייכענונג פֿון אַ בלוי־ווייסן מגן דוד, געמאָלט פֿון דעם באַרימטן קינסטלער אפרים משה ליליען, מיט דער אויפֿשריפֿט "ציון". די מאַרקע איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרויס התלהבות אין דער גאַנצער יידישער וועלט און איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן. לעצטנס האָט דער קרן קימת אין ירושלים אַרויסגעגעבן, מחמת דער שענדלעכער העצע קעגן ציוניזם, אַ מאַרקע מיט אַן ענלעכער צייכענונג און מיט דער איבערשריפֿט — אין העברעיש און ענגליש — פֿון דעם פּסוק "למען ציון לא אחשה". מנחם אוסישקין, שפּעטער לאַנגיעריקער פּרעזידענט פֿון קרן קימת, האָט שוין אין אַפּריל 1902 פֿונאַנדערגעשיקט אַ רוף צו אַלע ציוניסטן אין רוסלאַנד, זיי זאָלן קויפֿן און פֿאַרשפּרייטן די מאַרקע "פֿאַר דער אויסלייזונג פֿון ארץ־ישראל דורך עם ישראל". די מאַרקעס פֿון קרן קימת, וואָס שילדערן ביזן היינטיקן טאָג די געשיכטע פֿון אַלט־נייעם יידישן היימלאַנד און באַערן דעם אָנדענק פֿון די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן, אַנהייבנדיק מיט הערצלען, זענען אונטער דער טערקישער הערשאַפֿט באַנוצט געוואָרן אין ארץ־ישראל פֿאַר שיקן בריוו, הגם דאָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן דורך דער מאַכט אַלס אַ "סובווערסיווע אַקציע". מיט די מאַרקעס האָט זיך אויך באַנוצט די ישראלדיקע פּאָסט אין די ערשטע טעג נאָך דער באַנייונג פֿון דער מדינה. ביזן היינטיקן טאָג זענען די מאַרקעס פֿון קרן קימת שטאַרק באַליבט אין דער גאַנצער יידישער וועלט און ווערן באַנוצט ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן, אויך אויף איינלאַדונגען, קאָנטראַקטן און אַנדערע דאָקומענטן.

די בלויע פּושקע פֿון קרן קימת, וואָס איז אַזוי שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט ביז איצט און וואָס ברענגט אַריין אויך היינט־צו־טאָג אַרום פֿופֿצן פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער יערלעכער הכנסה פֿון יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד, האָט איר אייגענע אינטערעסאַנטע געשיכטע. אין 1902 איז אין דער רעדאַקציע פֿון צענטראַלן אָרגאַן פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע "די וועלט" אין ווין דערהאַלטן געוואָרן אַ בריוו פֿון אַ יידישן סוחר אין נאַדוואָרנע, גאַליציע, קליינמאַן, וועלכער האָט געשריבן: "נאָכדעם, ווי איך האָב זיך דערוווּסט וועגן באַשלוס צו גרינדן דעם יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד, האָב איך באַשטימט ביי זיך צו טאָן עפּעס פּראַקטישעס פֿאַר העלפֿן פֿאַרווירקלעכן די אידעע וועגן גאולת הארץ. איך האָב גענומען אַ פּושקע, האָב אויפֿגעשריבן אויף איר "יידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד" און

האָב זי אָוועקגעשטעלט אויף מיין ביוראָ־טיש, אויף אַן אַנגעזעענעם אָרט. די רעזולטאַטן פון די אַריינגעוואָרפענע געלטער אין דער פּושקע זענען שוין ביז איצט זייער דערמוטיקנדיקע. און איך וויל פאָרשלאָגן, אַז אויך אַנדערע זאָלן נאָכטאָן מייןביישפּיל און זאַמלען אויף דעם אופן מיטלען פאַרן קרן קימת".
אַזוי־אַרום איז אַנטשטאַנען די באַרימט־געוואָרענע בלוי־ווייסע פּושקע פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס ווערט אַרומגערינגלט מיט ליבע ביזן היינטיקן טאָג; וואָס געפינט זיך ווייטער אין יידישע הייזער איבער דער גאַרער וועלט אויך אין די ווייטסטע פאַרוואָרפענע ווינקלען, און אויך אין לענדער, ווו מען ווערט גערודפט פאַר טריישאָפט צום ציוניזם און צו מדינת ישראל.
מיט אָט די מיטלען, געזאַמלטע ביים יידישן פאָלק אין דער ברייטער וועלט, האָט דער קרן קימת אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין ארץ־ישראל מיט 75 יאָר צוריק.

3. די גרויסע יידישע און מענטשלעכע דראַמע

שוין די ערשטע פאַזע פון די טעטיקייטן פון קרן קימת לישראל, באַלד נאָך דער גרינדונג פון דעם פאָנד, האָט געהאַט אין זיך אַלע עלעמענטן פון אַ גרויסער יידישער און מענטשלעכער דראַמע. גאולת הארץ, דאָס אויסלייזן שטחים לאַנד — דער ציל, פאַר וועלכן דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד איז בעיקר געשאַפן גע־וואָרן — האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן צו זיין בלויז דער ערשטער שריט, כמעט גלייכצייטיק איז אַנטשטאַנען דאָס שווערע און ערנסטע פּראָבלעם צו מאַכן אויפּ־לעבן, אויפריכטן און אַנטוויקלען די אָפּגעלאָזענע, פאַרנאַכלעסיקטע טיילן לאַנד, וואָס זענען איינגעקויפט געוואָרן. יעדער שפאַן ערד האָט געדאַרפט אויסגעלייזט ווערן ניט נאָר דורך באַצאָלן די גרויסע געלטער, נאָר מיט דעם שווייס און מיט דעם בלוט פון די חלוצים, וועלכע זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דעם באָדן און האָבן אים געדאַרפט אויסלייזן, אויסשטיינערן, אויפפרישן פאַר צוגרייטן אים צו לאַנדווירטשאַפט, בכדי צו קאָנען אויפשטעלן אַ ישוב, ווו עס זאָל וואַקסן און געדייען. דערצו האָט מען נאָך געדאַרפט געפינען וואַסער, גראָבן ברונעמס. אויך די חלוצים אַליין האָבן געדאַרפט פריער דורכמאַכן אַ הכשרה, אַ ספּעציעלע צוגרייטונג און אויסבילדונג — אָפטמאָל מיט שווערע קרבנות — צו קאָנען טאָן אָט די מעשי־בראשית פון מאַכן פרוכטבאַר וויסטעניש. טיפע קאָמפּליצירטע פאָרשונגען האָבן געדאַרפט דורכגעפירט ווערן צו קאָנען אַריינברענגען אַ ניי לעבן אין אָט דער ווי אָפּגעשטאָרבענער נאַטור. נייע מעטאָדן האָבן געדאַרפט אויסגעפונען און אויסגעפּרוווט ווערן פאַר קאָנען פאַרזייען און פלאַנצן דאָרט,

ווי זינט לאַנגע, לאַנגע יאָרהונדערטער האָט גאָרנישט געשפּראָצט און גאָרניט געוואַקסן.

די ערשטע באָדן־קניות זענען געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1903. עס זענען אויס־געלייזט געוואָרן שטחים לאַנד אין גליל, ווו עס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן דער ישוב כפר חיטים, און אין יהודה, ווו חולדה און בן־שמן האָבן זיך באַלד באַוויזן אויף דער מאַפּע פון יידישן היימלאַנד, וואָס האָט אויפ־געוואַכט צו אַ ניי לעבן.

די ערשטע שריט פון קרן קימת זענען זיך צונויפגעקומען מיט דעם אָנהייב פון דער צווייטער עליה, וועלכע האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון ארץ־ישראל און פאַר דער באַנייונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער זעלבּ־שטענדיקייט אין לאַנד פון די אבות. די יונגע יידן פון דעם דור פון דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען אין מזרח־אייראָפּע און זיך געווידמעט דער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטישער אידעע, זענען געקומען אין לאַנד אָן מיטלען און אָן צוגרייטונג פאַר דער הייליקער אַרבעט, וועלכער זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצוגעבן זייער לעבן. זיי האָבן שוין דאָ געפונען דעם קרן קימת, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי. און באַלד, אין 1907, איז אויך געגרינ־דעט געוואָרן אין יפו דער ארץ־ישראל־אַמט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר ארטור רופּין, איינער פון די ראשונים פון דייטשן ציוניזם, וועמען די השגחה אַליין האָט ווי געשיקט קיין ארץ־ישראל. ד״ר רופּין איז מיט טיפער פאַרשטענדעניש, מיט אַ סך וויסנשאַפטלעכער קענ־טעניש און מיט אַן אומגעהויערן געדולד — וואָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק ביי יענע באַדינגונגען — צוגעטראָפן צו זיין פּיאָנערישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. און דער קרן קימת איז געווען די איינציקע פינאַנציעלע אינסטיטוציע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער ד״ר רופּין האָט געקאָנט דערוואַרטן מיטלען פאַר זיינע טעטיקייטן פאַרן ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל. צווישן אים און די דעמלטדיקע פירער פון קרן קימת, מיט ד״ר מאַקס באָדנהיימער בראש, און די חלוצים פון דער צווייטער עליה האָט צום גליק זיך איינגעשטעלט אַ האַרמאָנישע קאָאָפּעראַציע אין די שווערע אָנשטרענגונגען פאַר אויפשטעלן די ערשטע ציוניסטישע ישובים, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין בנין הארץ.

און אַזוי זענען נאָך די ערשטע באָדן־קניות פון קרן קימת געקומען ווייטער־דיקע. אין 1908 זענען אויסגעלייזט געוואָרן זעקס טויזנט פינף הונדערט דונאַם לאַנד (אַ דונאַם איז בערך אַ פערטל אַקער) אין עמק הירדן. און אויף דעם באָדן

זענען אַ יאָר שפּעטער אויפגעשטאַנען ד ג נ י ה א׳, די ״מאַמע פון די קבוצות״ און כ נ ר ת, די ערשטע חלוצישע מושבה. אין צווײ יאָר אַרום, אין 1911, איז אויף דעם אויסגעלייזטן באָדן פון קרן קימת געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ישוב אין באַנייטן עמק יזרעאל, מ ר ח ב י ה. שפּעטער איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהייב פאַרן קיבוץ ג ן ש מ ו א ל, אין שרון.

און הגם די הויפּט-אויפגאַבע פון קרן קימת איז געווען צו גרינדן לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים האָט דער פאָנד אויך דערמוטיקט צו בויען די ערשטע יידישע שטאָט אין באַנייטן היימלאַנד. אין 1909 האָט ת ל - א ב י ב זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויף דעם אויסגעלייזטן באָדן פון קרן קימת און מיט דער הילף פון דעם פאָנד, וואָס האָט געגעבן די הלוואות פאַר אויפשטעלן די ערשטע הייזער. אַזוי האָט דער יידישער נאַציאָנאַל-פאָנד אויך געהאָלפן אין יענע יאָרן צו גרינדן אין ירושלים די בצלאל-קונסט-שולע און דעם טעכניקום אין חיפה, ווי אויך אַ צאָל אַנדערע דערציונגס-אַנשטאַלטן איבערן לאַנד.

דער קרן קימת האָט אויך צוגעטראָגן זיין הילף פאַר באַזאָרגן מיט וואוין-הייזער די עולים פון תימן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין לאַנד אַרום יאָר 1912 און האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גוטע און איבערגעגעבענע אַרבעטער אין די ניי-געגרינדעטע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים.

די אַלע זייער באַדייטנדיקע פּיאָנערישע שריט האָט דער קרן קימת געקאָנט אונטערנעמען אַ דאַנק די פאַרהעלטניסמעסיק גרעסערע געלטער, וואָס זענען אַריינגעפלאָסן פון די הכנסות פון דעם פאָנד. באַלד נאָך דער גרינדונג פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד איז די צענטראַלע געווען אין ווין, ווו עס האָט זיך אויך געפונען די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישן וועלט-אָרגאַניזאַציע, און אינזשעניר יונה קרעמענעצקי האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער אַרבעט. דער קרן קימת איז אין יענע יאָרן געווען אַ סינאָנים מיט דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע, און יעדער ציוניסט האָט באַטראַכט פאַר זיין חוב צו שטיצן דעם פאָנד, אין אַ סך לענדער זענען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן צו זאַמלען פאַרן קרן קימת.

נאָך הערצלס טויט, אין 1904, ווען דוד וואָלפסאָן איז געוויילט געוואָרן אַלס צווייטער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע, איז די צענטראַלע פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין קעלן, דוד וואָלפסאָנס וואוין-אָרט. די לייטונג האָט איבערגענומען ד״ר מאַקס באָדנהיימער, וועלכער איז געוואָרן דער ערשטער פאָרזיצער פון דירעקטאָרן-ראַט, וואָס איז פון דאַן אָן די אָפיציעלע און לעגאַלע פירערשאַפט פון קרן קימת. ד״ר באָדנהיימער האָט אויסגעברייטערט די אָרגאַניזאַציע פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד, צו פאַרגרע-

סערן די הכנסה. אין יענער תקופה האָט דער קרן קימת אויך באַקומען די ערשטע גרעסערע ירושה, פון אַ רוסישן ייד — 500 פונט.

אין 1904 איז אויפן פאָרשלאָג פון פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג — וועלכער איז שפּעטער, נאָך דוד וואָלפסאָנען, געווען דער דריטער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט פאַר פלאַנצן ביימער אין ארץ־ישראל. דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן מיט פלאַנצן דעם יער הערצל, אין דער געגנט פון בן־שמן און חולדה. אין 1908 זענען געפלאַנצט געוואָרן די ערשטע צוועלף טויזנט ביימער. דער רוף צו פלאַנצן ביימער אין באַנייטן יידישן היימלאַנד האָט גלייך באַקומען אַ וואַרעמען און שטאַרקן אָפּקלאַנג. שפּעטער איז די ספּעציעלע געזעלשאַפט פאַר פלאַנצן ביימער פאַראייניקט געוואָרן מיטן קרן קימת, וואָס האַלט ביזן היינטיקן טאָג פאַר איינער פון זיינע הויפּט־אויפגאַבן צו באַדעקן גרויסע שטחים לאַנד מיט גרינע וועלדער.

אין 1913 זענען די זאַמלונגען פאַרן קרן קימת שוין אָנגעפירט געוואָרן אין ביין און צוואַנציק לענדער. און אין דעם יאָר האָט די הכנסה איבערגעשטיגן 40,600 פונט, וואָס איז געווען אַ פאַרגרעסערונג אויף מער פון אַ דריטל פון דער איינקונפט אין די פריערדיקע יאָרן. די מערסטע ביישטייערונגען זענען געקומען פון די יידישע פּושקעס־מאַסן, אין קליינע סומעס. גרעסערע שפּענדונגען זענען געווען בלויז איינצלנע. פון אָנהייב אָן איז דער קרן קימת געוואָרן אַ פאָלקס־פאָנד, וואָס האָט אַפּעלירט צו דעם יידן אין דער גאָרער וועלט, וועלכער האָט באַטראַכט זיין ביישטייערונג פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד אַלס זיין באַשיידענעם טייל אין גאולת הארץ און בנין הארץ. דער קרן קימת איז דאַן פאַקטיש אויך געווען דער איינציקער פאָנד ניט בלויז פאַר אויסלייזן דאָס לאַנד, נאָר אויך פאַר בויען דאָס באַנייטע ארץ־ישראל.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער־וועלט־מלחמה, אין 1914, איז די צענטראַלע פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער נייטראַלער האָלאַנד, קיין האַג. און די לייטונג האָבן איבערגענומען די ציוניסטישע פירער: נחמיה דע לימע, זשאַן פישער און ד״ר יוליוס סיימאָן. ניט געקוקט אויף די מלחמה־באַדינגונגען האָט דער קרן קימת ווייטער אויסגעברייטערט זיינע געלט־זאַמלונגען. און אין ארץ־ישראל האָט דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד געמאַכט אַלע באַמיונגען אויפצוהאַלטן דעם קיום פון די ישובים, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן אין די פריערדיקע יאָרן. דאָס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע ביי די רדיפות פון דער טערקישער מאַכט און ביי דעם טיילווייזן גירוש, וואָס דער טערקישער קאָמאַנדיר אין ארץ־ישראל, דזשעמאַל פּאַשאַ, האָט דאַן דורכגעפירט. אין יענער שווערער

צייט האָט דער קרן קימת אין אַ גרויסער מאָס אויסגעהאַלטן די פּיאָנערן פון די נייע ישובים דורך באַשעפטיקן זיי ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם באָדן און פון דער לאַנדווירטשאַפט. אויך זענען געמאַכט געוואָרן באַמיונגען אויפצושטעלן נייע קבוצות פאַר פּראָדוצירן שפּייז-מיטלען, אין וועלכער ארץ-ישראל האָט זיך דאַן שטאַרק גענויטיקט ביי די מלחמה-באַדינגונגען.

צום סוף פון דער מלחמה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַדאַנק דעם קרן קימת זענען אָפּגעהיטן געוואָרן אַלע פריער געגרינדעטע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, און עס זענען אויך צוגעקומען נייע, אָט די אויפבוי-אַרבעט פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן צו האָבן אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג, זייענדיק די פּאַקטישע באַזע פאַר דער באַרעכטיקונג פון דער פאָדערונג וועגן ווידעראויפריכטן די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ-ישראל — וואָס איז אָנערקענט געוואָרן אין דער באַלפור-דעקלאַראַציע פון 2טן נאָוועמבער 1917 און איז דערנאָך באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער שלום-קאָנפערענץ אין ווערסאַי. פּונקט אַזוי, ווי דרייסיק יאָר שפּעטער, נאָכן צווייטן וועלט-קריג, האָט אין דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן באַגייען די יידישע מדינה אין ארץ-ישראל דעצידירט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, ביים באַשטימען די גרענעצן פון דער מדינה, די גרויס פון דעם טייל פון לאַנד, וואָס דער יידישער נאַציאָנאַל-פאָנד האָט געהאַט אויסגעלייזט און אויפגעלעבט — אַזוי איז אויך נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה די פּיאָנערישע אַרבעט פון קרן קימת געווען אַנטשיידנדיק, אין אַ געוויסן זין, אין דער דערפאָלגרייכער פּאָליטישער אַקציע פון ד״ר חיים ווייצמאַן און די אַנדערע ציוניסטישע פירער פאַר באַקומען די באַלפור-דעקלאַראַציע, וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ-ישראל, וואָס האָט געעפנט דעם וועג פאַר דער גרינדונג פון דער זעלבשטענדיקער, אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה.

4. דאָרט ווו עס זענען געווען טויזנטער-יעריקע ווילדערנישן

״ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אין 1920 דעם עמק יזרעאל, איז ער געווען כמעט ווי אַ מדבר״ — האָט דער ערשטער האַי-קאָמישאַנער פון דער ענגלישער מאַנדאַט-רעגירונג אין ארץ-ישראל, סער הערבערט סעמיועל, געשריבן אין זיינעם אַ באַריכט — ״בלויז פיר אָדער פינף קליינע, אָרעמע אַראַבישע דערפלעך, וועלכע זענען געווען ווייט אָפּגעלעגן איינע פון די אַנדערע, האָט מען דאָרט געקאָנט אויפכאַפּן מיטן אויג, אויף די שפּיצן פון די נידעריקע בערגלעך דאָ און דאָרט. דער גאַנצער אַנדערער גרויסער שטח פון דער געגנט איז געווען פול-

שטענדיק אומבאַוווינט. קיין איין הויז איז ניט געשטאַנען, קיין איין בוים איז ניט געוואַקסן. אַ גרויסער טייל פון דעם באָדן איז געווען דאָס אייגנטום פון אַראַבישע ערד־באַזיצער, וועלכע האָבן גאָרניט געוווינט אין דער געגנט. דער טייך, וואָס פליסט דורך דער געגנט, די וואַסער־קוואַלן אין די באַרגיקע ערטער זענען געווען אַזוי שטאַרק פאַרבאַכלעסיקט, אַז עס האָבן זיך אויסגעשפּרייט דאָרט אָן אַ שיעור זומפּן, וועלכע האָבן דעם גאַנצן ראַיאָן פאַרפּעסטעט מיט מאַלאַריע.

"דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד" — האָט הערבערט סעמיועל ווייטער גע־שריבן — האָט אויסגעטרוקנט און אויסגעריייניקט די זומפּן אין דער געגנט, און די מאַלאַריע־קראַנקייט איז שוין דאָרט איצט אַ זעלטנקייט. דער גאַנצער אויסזען פון עמק האָט זיך געענדערט. אַנשטאָט די הילצערנע ביידלעך זענען אויפגע־שטאַנען קליינע הייזער מיט רויטע דעכער. די פלאַנצונגען פון גיך־וואַקסנדיקע עוקאַליפּטוס־ביימער האָבן שוין אָנגעהויבן צוגעבן אַ נייעם כאַראַקטער דער גאַנ־צער לאַנדשאַפט. בליענדע פעלדער באַדעקן שוין אַ סך טיילן לאַנד, און די געגנט וואָס איז ערשט מיט פינף יאָר צוריק געווען בלויז אַ ביסל מער פון אַ ווילדער־ניש, ווערט פאַר אונדזערע אויגן טראַנספאָרמירט אין אַ דאָרפישן ראַיאָן, פול מיט לעבן און אויפבלי".

ווען סער הערבערט סעמיועל האָט געשריבן דעם באַריכט, אין 1925, זענען געהאַט אַפּגעלאָפן ווייניקער פון פיר יאָר, זינט דער קרן קימת האָט אויסגעלייזט דעם עמק יזרעאל. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער לאַנד־איינקויף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביי דער נייער לאַגע, אין דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אונטער דער ענגלישער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע. די אויסלייזונג פון עמק יזרעאל האָט געלייגט דעם יסוד פאַרן אָנהייב פון דער גרויסער אַנטוויקלונג פון יידישן היימלאַנד אין דער נייער תקופה. דער דאָזיקער היסטאָרישער אַקט פון גאולת הארץ האָט געהאַט זיין דראַמאַטישע געשיכטע. שוין אַזוי פרי, ווי אין 1891, נאָך פאַר דער אַנטשטייונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און צען יאָר פאַר דער שאַפונג פון קרן קימת, האָט י ה ו ש ע ח אַ נ ק י ן, אַ זון פון איינעם פון די ערשטע ביל"ויים — וועלכער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן דער אויפגאַבע פון גאולת הארץ — געוואָרפן אַן אויג אויף דעם עמק יזרעאל און אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אַ רייכער אַראַבישער פאַמיליע, וואָס איז געווען די אייגנטימערין פון גרעסטן טייל פון דעם טאָל און האָט אפילו ניט געוווינט אין דער געגנט, וועגן אָפּקויפן דאָרט גרויסע שטחים. אָבער ער האָט ניט געהאַט די נויטיקע מיטלען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט יהושע חאַנקין זיך געווענדעט וועגן דעם צו הערצלען, וועלכער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם פאַרשלאָג,

אָבער די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרצויגן אָן רעזולטאַט. אַרום יאָר 1910 האָט שוין דער יידישער נאַציאָנאַל-פאָנד צוגעשטעלט יהושע חאַנקינען אַ גרע־סערע סומע, מיט וועלכער ער האָט איינגעקויפט די געגנט, אויף וועלכער עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער ישוב מרחביה.

דער גואל הארץ — ווי יהושע חאַנקין איז אָנגערופן געוואָרן אין דער נייער געשיכטע פון ארץ-ישראל — האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיינע אומדערמיד־לעכע באַמיונגען פאַר אויסלייזן דעם גאַנצן עמק יזרעאל, און נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה האָבן ד״ר אַרטור רופין און מנחם אוסישקין — וועלכער איז שוין דאַן געשטאַנען ביי דער פירערשאַפט פון קרן קימת — געמאַכט דעם אַנטשיידנ־דיקן שריט צו פאַרווירקלעכן חאַנקינס פלאַן און אָפקויפן דעם גאַנצן עמק יזרעאל. אויך דערמיט איז געווען פאַרבונדן אַ דראַמאַטישע האַנדלונג. נחמיה דע לימע, וועלכער איז דעמלט נאָך געווען דער הויפט-דירעקטאָר פון קרן קימת, האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט צו געבן זיין צושטימונג מיט דעם מאָטיוו, אַז דער פּרייז איז אַ צו-הויכער. אוסישקין און רופין זענען אַרויס אין אַ שאַרפן קאַמף קעגן דע לימען. ״ס׳איז פאַראַן אַ זאַך, וואָס איז אַ סך טייערער פון דעם הויכן פּרייז״ — האָט אוסישקין געטענהט צו דע לימען — ״און דאָס איז צייט. איך קאָן ספּעקו־לירן מיט מיינע אייגענע עסקים, אָבער ניט מיט דער צוקונפט פון ארץ-ישראל. אויב איר האַלט, אַז דער פּרייז איז צו-הויך, קאָנט איר זאָגן, אַז אוסישקין און רופין זענען שלעכטע סוחרים. אָבער אויב מיר וועלן איצט ניט אויסלייזן דעם עמק יזרעאל, וועט איר זיין גערעכט, ווען איר וועט אונדז אָנרופן פאַרברעכער״.

דער צוועלפטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אין קאַרלסבאַד אין 1921, האָט אָנגענומען די שטעלונג פון אוסישקינען און רופינען, און דער איינקויף איז דורכגעפירט געוואָרן. עמק יזרעאל איז אויסגעלייזט גע־וואָרן. און מיט דעם שווייס און בלוט פון די חלוצים פון דער דריטער עליה זענען דערנאָך אויפגעשטאַנען אין עמק יזרעאל די בליענדיקע ישובים: עין חרוד, בית אלפא, גבע, כפר יחזקאל, נהלל און אַ סך אַנדערע קיבוצים און מושבים.

ביים צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט אוסישקין דורכגעפירט נאָך אַ באַ־שלוס: אַז דאָס הויפּט-ביוראָ פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד זאָל אַריבערגעפירט ווערן קיין ירושלים. דאָס איז געווען אַ געוואָגטער היסטאָרישער שריט. דער קרן קימת איז געווען די ערשטע ציוניסטישע אינסטיטוציע, וואָס האָט פון דעם צענ־טער אין ארץ-ישראל אָנגעהויבן אָנפירן איר אַרבעט אין דער גאַרער יידישער וועלט. דאָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסע און גינסטיקע השפּעה אויף די ווייטער־דיקע טעטיקייטן פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד.

נאָך פריער, פאַרן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד, איז זיך צונויפגעקומען, אין 1920, אַ ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ביי וועלכער עס איז אין אָנבליק פון דער ביי־געשאַפענער לאַגע נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, דורכגעפירט געוואָרן אַ גרינדלעכע דיסקוסיע וועגן די ווייטערדיקע אויפגאַבן פון יידישן נאַ־ציאָנאַל־פאָנד. ביי דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן אַ צווייטער פאָנד, קרן היסוד, פאַר דער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, און עס זענען דעפינירט געוואָרן די צילן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פוןביידע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. ביי דער קאָנפערענץ איז נאָכאַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן דער הויפּט־פּרינציפּ פון קרן קימת לישראל, אַז דער אויסגעלייזטער באָדן בלייבט אויף אייביק דאָס אייגנטום פון יידישן פאָלק, וואָס מיינט אויך, אַז די ישובים, וועלכע ווערן אויפ־געשטעלט אויף דעם באָדן, ווערן געבויט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. דערמיט האָט די קאָנסטיטוציע פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד נאָכאַמאָל באַשטעטיקט און געשטאַרקט דעם אַלטן קשר צווישן עם ישראל און ארץ־ישראל. אַלס די הויפּט־אויפגאַבן פון קרן קימת זענען ווייטער פעסטגעשטעלט געוואָרן: גאולת הארץ, די אויסלייזונג פון לאַנד; די אויפלעבונג און אַנטוויקלונג פון באָדן פאַר לאַנד־ווירטשאַפט און שטאָטישע ישובים; דאָס צושטעלן וואַסער פאַר די ישובים; און די פלאַנצונג פון וועלדער. אין 1929 איז דער קרן קימת באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט אויפצודעקן און אויסגראָבן וואַסער־ברונעמס, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער ספּעציעל־געגרינדעטער געזעלשאַפט „מקורות”, צו וועלכער דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד איז צוגעטראָטן אַלס שותף, און נאָכן מדינה־אויפקום צו תה”ל.

די אויסלייזונג און אויפבליונג פון עמק יזרעאל איז געווען בלויז דער אָנהייב פון דער גראַנדיעזער און גלאָררייכער אַרבעט פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד אין דער עפּאָכע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. די יאָרן פון 1921 ביז 1936 זענען אַריין אין דער געשיכטע פון קרן קימת, ווי די תקופה פון דער „אויסלייזונג פון טאָלן”. נאָך עמק יזרעאל איז אין 1929 געקומען די אויסלייזונג פון עמק זבולון און עמק חפר. די אויסלייזונג פון עמק זבולון האָט געפירט צו דער גיכער אַנט־וויקלונג פון דער שטאָט חיפה און אומגעגנט, און אַדאַנק דעם איז איינע פון די סטראַטעגיש־ און אינדוסטריעל־וויכטיקסטע געגנטן פון לאַנד אַריבערגעגאַנגען אין יידישע הענט. באַלד זענען אַרום חיפה אויפגעשטאַנען אַ רייע פאַרשטעט מיט יידישע ישובים, וואָס זענען אויך אין אַ גרויסער מאָס אינדוסטריאַליזירט געוואָרן. און אַ דאַנק דער אויסלייזונג פון עמק חפר זענען פאַרמערט און קאָנ־

סאָלידירט געוואָרן די יידישע ישובים איבער דער לענג פון דעם ראַיאָן ביים ברעג פון מיטללענדישן ים, צווישן תל־אביב און חיפה.

שפּעטער אין דער תקופה זענען אויסגעלייזט געוואָרן גרויסע טיילן פון עמק בית שאן און עמק הירדן. גלייכצייטיק זענען איינגעקויפט געוואָרן שטחים לאַנד אין דער געגנט פון ירושלים און אין גליל פאַר גרינדן דאָרט נייע לאַנדווירט־שאַפטלעכע ישובים.

אויך וועגן דער אויסברייטערונג פון די שטאָטישע צענטערס איז געזאָרגט געוואָרן, בכדי צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די שטאָטישע אַרבעטער און העלפן אין דער דורכפירונג פון "כיבוש העבודה", מיט וועלכער די אידעע וועגן דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן היימלאַנד איז אין יענער תקופה געווען ענג פאַר־בונדן. אַזוי האָט דער קרן קימת אויסגעלייזט דעם באָדן און געהאָלפן אויפשטעלן די נייע שכונה "מקור חיים" ביי ירושלים, דעם קוואַרטאַל אויפן נאָמען פון ד"ר יחיאל טשלענאָוו — "שכונת יחיאל" — ביי חיפה; שכונת באָראָכאָוו און נורדיה אין תל־אביב; שכונת עובדים ביי טבריה.

צום ערשטן מאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר זענען ווידער אויפגעריכט געוואָרן גרויסע געגנטן אין ארץ־ישראל, וואָס זענען באַדעקט געוואָרן מיט גיך־וואַקסנ־דיקע דאָרפישע און שטאָטישע ישובים און מיט בליענדיקע פעלדער — דאָרט, ווו עס זענען געווען וויסטענישן און ווילדערנישן.

אויך דאָס פלאַנצן קרן קימת־וועלדער איז שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן. דער גרעסטער וואַלד איז געפלאַנצט געוואָרן אויפן נאָמען פון לאָרד באַלפור אין ג נ י ג ר, אויף די בערג פון גליל התחתון. אין דער זעלבער תקופה זענען אויפגעשטאַנען: יער משמר העמק, די וועלדער אין כפר החורש, ביי קרית ענבים און אין אַנדערע ערטער פון לאַנד. דער יער הערצל אין בן־שמן און אין חולדה, וואָס איז כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז נאָכאַמאָל געפלאַנצט געוואָרן.

אין דער זעלבער תקופה האָט קרן קימת אָנגעהויבן דורכפירן וועגן און שאָסייען אין לאַנד — וואָס פאַרנעמט איצט אַזאַ וויכטיק אָרט אין זיין אַרבעט.

בראש פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד איז אין דער תקופה געשטאַנען מנחם אוסישקין, וועלכער האָט מער פון צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן פאַרן ציוניזם און פאַר ארץ־ישראל אָוועקגעגעבן פאַר גאולת הארץ. אַדאַנק אים זענען שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן די הכנסות פון קרן קימת. ער האָט געמאַכט אַ סך ווייטערע און שווערע רייזעס צו שאַפן אַליין מיטלען ביי יידן אין פאַרשידענע לענדער,

באַזונדערס אין די פּראַווינצן קעבעק און קאַנאַדע, פֿאַר דער גרויסער אונטער־נעמונג אויסצולייזן עמק יזרעאל און די אַנדערע טאָלן.

אונטער מנחם אוסישקינס פֿירערשאַפֿט איז אויך אויסגעברייטערט געוואָרן די אויפֿקלערונגס־ און דערציִונגס־אַרבעט פֿון קרן קימת אַלס פֿאָלקס־פֿאָנד פֿאַרן יידישן היימלאַנד. די אידעע פֿון קרן קימת איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אַלע טיילן און קרייזן פֿון יידישן פֿאָלק אין די תפוצות. און אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג איז געמאַכט געוואָרן צוצוציִען די יוגנט, אויך קינדער אין די שולן, צו דער אַרבעט פֿאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד. דאָס אויפֿוועקן און פֿאַרשטאַרקן די געפֿילן, די פֿאַרשטענדעניש און די פֿליכט פֿאַר גאולת הארץ, און פֿאַר דעם יידישן היימלאַנד בכלל, איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער און פֿונדאַמענטאַלער טייל פֿון פּראָגראַם פֿון קרן קימת.

באַלד איז אויפֿן גורל פֿון קרן קימת אויך אויסגעפֿאַלן אָנצוהויבן פֿירן אַ גרויסן און שווערן פּאָליטישן קאַמף פֿאַר זיין פֿאַרצווייגטער ווידעראויפֿלעבונגס־אַרבעט אין אַרץ־ישראל וואָס האָט שוין דאַן געהאַט געענדערט אין אַ גרויסער מאָס דעם אַלגעמיינעם אויסזען פֿון לאַנד, מאַכנדיק אויפֿבליִען דורות־אַלטע וויסטענישן.

5. אין חלוצישן קאַמף פֿאַר די גרענעצן פֿון היימלאַנד

דאָס ריכטיקע וואָרט אין דער קריטישער תקופה, וואָס האָט אין 1936 זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין אַרץ־ישראל און וואָס איז נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, — האָט געזאָגט מנחם אוסישקין:

"מיר דאַרפֿן מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אויסצולייזן נאָך גרויסע שטחים אין די טיפֿערע און וייטערע געגנטן פֿון אַרץ־ישראל, בכדי אויסצוברייטערן און פֿאַרזיכערן ווי צום שטאַרקסטן די גרענעצן פֿון אונדזער לאַנד. דאָס איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן מיר וועלן שאַפֿן געזונטע פּאָליטישע פֿאַקטן. עס איז ניט בלויז די פֿראַגע פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, פֿאַר וועלכער מיר זענען איצט גע־שטעלט געוואָרן. קודם־כל און איבער אַלעם דאַרפֿן מיר פֿאַרזיכערן געהעריקע גרענעצן פֿאַר דער מדינה".

מנחם אוסישקין האָט אָן ספק געהאַט דעם וייטן בליק, און ער האָט אין דער שווערער און אַנטשיידנדיקער צייט געהאַנדלט אין זין און לויט די קריטישע נויטווענדיקייטן פֿון די גרויסע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, וואָס מען האָט גע־דאַרפֿט דערוואַרטן.

אין 1936 האָט דער אַראַבישער המון אין אַרץ־ישראל, אויפֿגעהעצט דורכן ירוש־

לימער מופטי, מיט דער הילף פון היטלערן און מוסאָליניז — וועלכע זענען געווען פאַראינטערעסירט צו שאַפן שוועריקייטן פאַר ענגלאַנד אין מיטעלן מזרח — אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון בלוטיקע אומרוען און טעראָר קעגן יידישן ישוב. די אָנפאַלן, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן זיך קאָנצענטרירט באַזונדערס אויף די געדיכט-באַוווינטע יידישע געגנטן. ווען ניט די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן באָדן פון יידישן נאַציאָנאַל-פאָנד לויט אַ גוט-דורכגעטראַכטן און ציל-באַוווסט-אויסגעאַרבעטן פּלאַן אין די ווייטערע ראַיאָנען און אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, וואָלט דער ישוב אפשר ניט געקאָנט אויסהאַלטן ביי די שווערע באַדינגונגען אונטער דער ענגלישער מאַנדאַט-אַדמיניסטראַציע, אָן אַן אייגענער לעגאַלער מיליטערישער קראַפט. דער ישוב וואָלט באַגרענעצט געוואָרן צו די עטלעכע גרעסערע שטאָטישע צענטערס, וועלכע וואָלטן אפשר אויך ניט געקאָנט אָנפירן דעם ווידערשטאַנד אַ לאַנגע צייט. בלויז דער פאַקט, וואָס דער קרן קימת האָט כסדר געזאָרגט אויסצולייזן גרעסערע שטחים לאַנד אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד און טאַקע באַזונדערס אין די געגנטן, וואָס זענען געווען באַזעצט דורך יידן, האָט געשאַפן די מעגלעכקייט אויסצושפּרייטן די יידישע באַפעלקערונג אין די טיפערע און ווייטערע ראַיאָנען און אויסצוברייטערן די גרענעצן פון ישוב.

אין 1937 איז די ענגלישע מאַנדאַט-רעגירונג דורך דער קעניגלעכער קאָמיסיע מיט לאָרד פּיל בראש — וואָס האָט דאַן דורכגעפירט אַ נייע אויספאָרשונג — אַרויסגעקומען צום ערשטן מאָל מיט דעם טיילונגס-פּלאַן פון ארץ-ישראל און מיט דעם פאָרשלאַג צו גרינדן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פון לאַנד. די גרענעצן פון דער פאָרגעשלאָגענער יידישער מדינה זענען אין דעם פּלאַן — וועלכן די ענגלישע רעגירונג האָט שפּעטער פאַקטיש צוריקגעצויגן — געווען באַשטימט לויט דער מאַפּע פון די ישובים, וואָס דער קרן קימת האָט געהאָלפן אויפשטעלן אויף די אויסגעלייזטע שטחים לאַנד. און הגם עס האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט פון דעם פּלאַן, איז אָבער געוואָרן נאָכמער קלאָר, אַז עס איז דרינגנדיק נויטיק אויסצולייזן ווי צום גיכסטן נאָך שטחים לאַנד און באַזונדערס אויף די גרענעצן,ווו עס זענען נאָך געווען ווייניק יידישע ישובים.

אין הסכם מיט דעם האָט דער קרן קימת געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען איינצוקויפן לאַנד אומעטום, נעמענדיק באַזונדערס אין באַטראַכט די סטראַטעגישע טעמים, און ניט קוקנדיק אויף די דראָונגען פון די אַראַבישע טעראָריסטן. אויף די אויסגעלייזטע שטחים האָבן באַלד אויך געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן נייע ישובים, בכדי צו אָרגאַניזירן בעסער די פאַרטיידיקונג קעגן די אַראַבישע באַנדעס.

פאַר דער נייער שווערער אויפגאַבע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ נייע פאָרם פון גרינדן ישובים — די מעטאָדע, וואָס איז אַרייַנגעגאַנגען אין דער געשיכטע פון באַנייטן יידישן היימלאַנד אונטערן נאָמען: "חומה ומגדל". אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט איז אַ גרופּע יונגע חלוצים אַרויפגעגאַנגען אויף דער אויס־געלייזטער ערד און מיט דער הילף פון די חברים פון די שכנותדיקע קיבוצים אויפגעשטעלט פרע־פאַבריצירטע הייזער מיט אַ צוגעגרייטן וואַך־טורעם, אַרומ־רינגלענדיק דעם באַזעצטן שטח מיט אַ צוים שטעכיקן דראָט, צו באַשיצן זיך קעגן די אָנפאַלן פון די אַראַבישע טעראָריסטן. ביז איין מאָל זענען ביי אַזאַ אָפּעראַציע געפאַלן קרבנות. די באַפעסטיקונגען זענען געווען ניט גענוגנדיק, און מען האָט געמוזט רופן הילף פון די שכנותדיקע ישובים, בכדי אָפּצושטויסן די אַראַבישע אָנפאַלער. אין די נייע קיבוצים, וואָס זענען אויף אַזאַ אופן געגרינ־דעט געוואָרן, האָט אויסגעפעלט וואַסער, און די אַלגעמיינע באַדינגונגען זענען געווען זייער שווערע. אָבער די יונגע חלוצישע בויער האָבן אויסגעהאַלטן אַלע געפאַרן און שוועריקייטן, אָפּגעבנדיק זיך אַ רעכענונג וועגן דעם, אַז דאָס איז שוין דער קאַמף פאַר דער קומענדיקער זעלבשטענדיקער יידישער מדינה. דער סימבאָל פון דעם קאַמף איז געוואָרן דער קיבוץ חניתה אין מערב־גליל, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט דעם מוט און מיט דער העלדישקייט פון זיינע חברים.

אין יענע שווערע יאָרן האָט דער קרן קימת געהאָלפן אויפשטעלן אויף אַזאַ העראָישן אופן נייע ישובים אין די בערג פון מנשה, אין מערב־גליל, אין עמק בית שאן און אין עמק חולה.

אין 1939, עטלעכע חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג אַרויסגעגעבן דאָס טרויעריק־באַרימטע "ווייסבוך", וואָס האָט געדראָט צו ווערן אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר דעם גאַנצן ישוב אין ארץ־ישראל, פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און פאַר דעם כבוד און שטרעבונגען פון יידן אומעטום. די הויפּט־צילן פון אָט דער שענדלעכער גזירה זענען געווען: אָפּצושטעלן אינגאַנצן די עליה נאָכדעם, ווי עס וועלן אַרייַנ־קומען אין לאַנד נאָך 75,000 יידן; און באַגרענעצן דראַסטיש דעם איינקויף פון באָדן דורך יידן. לויט דער דאָזיקער שוידערלעכער פאַראָרדענונג איז אין 65 פּראָ־צענט פון לאַנד — אַרייַנרעכנענדיק דעם נגב, דעם גרעסטן טייל פון גליל און די מערסטע באַרגיקע געגנטן — אינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן צו קויפן באָדן. אין 30 פּראָצענט פון ארץ־ישראל וואָלטן יידן געקאָנט קויפן שטחים לאַנד נאָר מיט דער דערלויבעניש פון ענגלישן הויכקאָמיסאַר. און בלויז אין די פאַרבליבענע

פינף פראָצענט, וואָס זענען באַשטאַנען פון די געגנטן, וועלכע זענען שוין געווען באַוווינט פון יידן, איז דערלויבט געוואָרן צו קויפן פריי באָדן.

די דאָזיקע גרויזאַמע גזירה, וואָס איז אַריין אין קראַפט אין 1940, איז אַרויס־געגעבן געוואָרן דורך די ענגלענדער אין דער צייט, ווען אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן די היטלערישע אויסראָטונג פון מיליאָנען יידן, און ווען עס איז ניט געווען פאַר די באַדראָטע יידן קיין אַנדער אָרט, ווו זיך צו ראַטעווען, חוץ אין ארץ־ישראל.

דער קרן קימת האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן דער מוראדיקער גזירה און האָט מיט אַלע מיטלען, מעגלעכע און אוממעגלעכע, און מיט דער גרעסטער ריזיק ווייטער אויסגעלייזט שטחים לאַנד, באַזונדערס אין די ״פאַרבאָטענע״ געגנטן. אין 1940 זענען איינגעקויפט געוואָרן 43,180 דונאַם לאַנד, דערפון 17,100 אין גליל, 2,250 דונאַם — אין דרום, און 3,000 אין די באַרגיקע ראַיאָנען. אַכט נייע ישובים זענען אין דעם יאָר — ביי די באַדינגונגען, ווען די וועלט־מלחמה האָט זיך שוין געהאַט צעפלאַקערט — אויפגעשטעלט געוואָרן, און צווישן זיי דריי אין ״פאַרבאָטענעם״ טייל פון לאַנד. אין 1941 זענען איינגעקויפט געוואָרן 45,480 דונאַם, און דריי נייע ישובים זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ביי דער גרענעץ פון נגב. אין 1942—1943 זענען איינגעקויפט געוואָרן 167,265 דונאַם, און געגרינדעט געוואָרן צען נייע ישובים, צווישן זיי די ערשטע דריי קיבוצים אין נגב.

יידן אין דער וועלט זענען געקומען צו־הילף, און אין 1943 האָט דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד — אינמיטן פון דער מלחמה — געהאַט אַ רעקאָרד־הכנסה פון פיר מיליאָן דאָלער, פון וועלכע אַ העלפט האָבן בייגעטראָגן די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט באַדייטנדיק פאַר־גרעסערט זיין ביישטייערונג פאַרן קרן קימת, און מער הילף — ווי פריער — האָבן צוגעשיקט די יידן אין ענגלאַנד, אין דרום־אַפריקע און קאַנאַדע.

אויך דער סוף פון דער וועלט־מלחמה, ווען דער ישוב אין ארץ־ישראל איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה פון אַ היטלערישער אינוואַזיע, האָט ניט אַריינגעבראַכט קיין פאַרלייכטערונג. די ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אירע פינצטערע גזירות און האָט פאַרמאַכט די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר דער יידישער עליה. ניט געקוקט אויף דעם זענען שיפן מיט אַזוי־גערופענע ״אומלעגאַלע״ עולים צוגעקומען צו די ברעגן פון יידישן היימלאַנד. אַ סך האָבן אויף פאַרשידענע וועגן זיך אַריינגעקראָגן אין לאַנד. אָבער די מער־סטע זענען דורך די ענגלענדער אָוועקגעשיקט געוואָרן קיין ציפּערן, ווו עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר די יידן, וועלכע זענען

אַנטלאָפן פון די נאָך־פאַרבליבענע גאַז־קאַמערן און חרוב־געוואָרענע קהילות
אין אייראָפּע און זענען ניט אַריינגעלאָזן געוואָרן קיין ארץ־ישראל דורך דעם
מעכטיקן ענגלישן פלאָט, וואָס האָט אויך געזונקען עטלעכע שיפן מיט אַזוי־
גערופענע ״אומלעגאַלע״ עולים.

פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד האָט זיך דאַן געשטעלט אַ הויפּט־אויפגאַבע צו
דעראָבערן דעם נגב. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז מיט וואָס עס זאָל זיך ניט ענדיקן
דער קאַמף פון ישוב און פון גאַנצן וועלט־יידנטום פאַר דער צוקונפט פון ארץ־
ישראל אַלס פריי היימלאַנד פון יידישן פאָלק, קלייבן זיך די ענגלענדער אָפּצו־
רייסן דעם נגב און אַרונטערנעמען דעם גאַנצן ראַיאָן אונטער זיין קאָנטראָל.
דער נגב האָט געדינט אַלס פאַרבינדונג צווישן דער דעמאָלטיקער בריטישער באַזע
אין סועץ־קאַנאַל און ענגלישן פּראָטעקטאָראַט־לאַנד פון עבר הירדן. און פאַרן
יידישן פאָלק איז דער נגב געווען דער הויפּט־רעזערוואָר פון פרייע לאַנד־שטחים,
וואָס האָבן אַרומגענומען מער פון אַ העלפט פון דער טעריטאָריע פון גאַנץ ארץ־
ישראל. אָן דעם נגב וואָלט ניט געווען מעגלעך אויפצוהאַלטן דעם קיום פון דער
יידישער מדינה, פאַר וועלכער עס איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען דער אַנטשיידנ־
דיקער קאַמף זי ווידעראויפצוריכטן און באַנייען.

די באַלדיקע נויטווענדיקייט איז געווען אויפצושטעלן נייע ישובים אין די
געגנטן פון נגב, וואָס דער קרן קימת האָט שוין געהאַט אויסגעלייזט, און דורך
דעם באַקומען אַ פּאָזיציע צו קאָנען אויסשפּרייטן זיך איבער דעם גאַנצן דרום־
ראַיאָן. די געפאַר דאָס דורכצופירן איז געווען זייער גרויס. עס האָט אויסגעזען,
אַז די ענגלענדער וועלן שיקן זייער אַרמיי און מיט גוואַלד ניט דערלאָזן אויפ־
צושטעלן די געפּלאַנטע ישובים. ס׳איז אויך געווען די סכנה, אַז די נייע ישובים
זאָלן אָפּגעריסן ווערן פון דעם אַנדערן טייל פון לאַנד, ווען אפילו עס וועט זיך
איינגעבן זיי צו גרינדן, ניט געקוקט אויף אַלע שרעקלעכע שוועריקייטן און
שטערונגען. עס האָט געדראָט, אַז זיי וועלן בלייבן אָן וואַסער און אָן אַנדערע
עלעמענטאַרע באַדינגונגען פאַר אויפהאַלטן זיך. דערפאַר האָט אַלץ געמוזט פריער
גוט אויסגעפּלאַנט ווערן, איידער עס איז אָנגענומען געוואָרן דער געוואַגטער
באַשלוס אויפצושטעלן די נייע ישובים פאַר דעראָבערן די פּאָזיציע אין נגב.

די אָפּעראַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער נאַכט פון מוצאי־יום
כיפור 1946, איז אַריין אין דער געשיכטע פון נייעם ארץ־ישראל אַלס איינע פון
די העלדישסטע און גלאָררייכסטע פון אַלע געוואַגטע אונטערנעמונגען אין קאַמף
פאַר דער יידישער מדינה אין יענער תקופה. הונדערטער יוגנטלעכע זענען אונטער
דער פירערשאַפט פון ו ו ת י ק י ם פון דער קיבוצים־באַוועגונג און קאָמאַנדירן

פון דער "הגנה" אַריינגעדרונגען אין נגב און האָבן אין פאַרלויף פון דער נאַכט, ביי אוממעגלעכע באַדינגונגען, מיט אַ העראָישקייט און קרבנות־גרייטקייט — וואָס נאָר דער דורות־לאַנגער דראַנג נאָך גאולה האָט געקאָנט אַרויסרופן אַזעלכע כוחות און אַזאַ מסירת־נפש — אויפגעשטעלט עלף ישובים אויף דעם באָדן פון קרן קימת, איין ישוב ווייט פון אַנדערן, לויט אַ גוט־צוגעגרייטן סטראַטעגישן פּלאַן. שוין צוזאַמענגעס אין אוונט האָבן זיך פון די וואַך־טורעמס אין די ישובים אַנגעצונדן, אינמיטן מדבר פון נגב, די גרויסע פאַקלען פון ליכט, וואָס זענען געווען ווי מעכטיקע שטראַלן פון האָפענונג, אַז דער גאַנצער נגב וועט זיין אין יידישע הענט און וועט געהערן צו דער באַנייטער יידישער מדינה אין דער נאָענ־טער צוקונפט.

אין די שפּעטערדיקע חדשים זענען אין נגב אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך זעקס ישובים, און ווען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט אין 1947 אַרויפגענומען אויף דער וואָג־שאָל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל — ביי יענער לאַגע, ווען מען האָט נאָך געקאָנט אויפוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט פאַר טאָן גערעכטיקייט — דאָס פּראָבלעם פון ארץ־ישראל; און האָט נאָך לאַנגע קריטישע וואַקלענישן, און נאָך דעם פאַראייניקטן אַנגעשטרענגטן קאַמף פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון דעם ישוב אין ארץ־ישראל און פון וועלט־יידנטום אָנגענומען, דעם 29סטן נאָוועמבער, דעם היסטאָרישן באַשלוס וועגן באַנייען די יידישע מדינה — זענען די גרענעצן באַשטימט געוואָרן אין גאָר אַ גרויסער מאָס לויט דער מאַפּע, וואָס דער קרן קימת האָט אין די צענדליקער יאָרן פון זיין פּיאָ־נערישער אַרבעט געהאָט צוגעגרייט פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון דער נאַציאָ־נאַלער זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון יידישן היימלאַנד.

6. פאַרטרייבנדיק דעם מדבר און די זומפּן

"סוף 1947 האָט דער בריטישער הויכקאָמיסאַר מיך גערופן צו זיך און מיט אַן אויפריכטיקער זאָרג, וואָס איך האָב דעמאָלט אָפּגעשאַצט, מיר געזאָגט: 'איך האָב געהערט, אַז איר האָט אַ טאָכטער אין נגב. איך ווייס, אַז דאָרט וועט זיין אַ מלחמה, און אַז די עגיפּטישע אַרמיי וועט זיך אַריינרייסן און פאַרכאַפּן דעם נגב. די קליינע איזאָלירטע ישובים אייערע וועלן פאַלן. נעמט אַוועק אייער טאָכ־טער פון דאָרט'." —

די דאָזיקע שווערע דערינערונג האָט גאָלדע מאיר דערציילט אין אַ רירנדיקער, דראַמאַטישער רעדע, וואָס זי האָט געהאַלטן ביי אַ פייערונג פון קרן קימת. און זי האָט צוגעגעבן:

״איך האָב דאָן גוט געקענט די לאַגע. איך האָב געוווּסט, ווי אַזוי אונדזערע חלוצים לעבן אין די נייע ישובים אין נגב, אין קליינע ביידלעך און געצעלטן. איך האָב געענטפערט דעם האַי־קאָמישאַנער, אַז יעדע מאַמע וואָלט געוואָלט אַוועקנעמען פון דאָרט אירע קינדער. אָבער קודם־כל וועלן אונדזערע זין און טעכטער אונדז ניט וועלן הערן, און זיי וועלן דאָרט בלייבן. און צווייטנס, אויב זיי וואָלטן אונדז דאָ געפאָלגט, וועט די עגיפּטישע אַרמיי זיכער פאַרכאַפּן דעם נגב.

״איך זע איצט פאַר מיר אָט די קינדער אונדזערע דעמאָלט אין נגב״ — האָט גאָלדע מאיר באַטאָנט — אַלע זענען זיי געווען אין עלטער פון 16, 17, 18 יאָר. ווי אַ סך גרעסער און שטאַרקער איז געווען די מאַכט פון דער עגיפּטישער אַרמיי מיט אירע טאַנקן און עראָפּלאַנען אין פאַרגלייך מיט אונדזערע קליינע, איינצלנע, צעוואָרפענע קיבוצים אין נגב. אָבער אָט די בראַווע קינדער אונדזערע, אין זייערע געצעלטן און ביידלעך, האָבן אויסגעהאַלטן און געוווּנען. די עגיפּטישע אַרמיי האָט זיי ניט געקאָנט באַזיגן, ניט דעמאָלט און ניט אין די שפּעטערדיקע מלחמות״.

ווען די אַרמייען פון די פינף אַראַבישע מלוכות זענען באַפאַלן די יידישע מדינה גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון ישראל אין דעם היסטאָרישן טאָג פון ה׳ אייר תש״ח (14טן מאַי 1948), איז יעדער ישוב, יעדער קיבוץ, יעדער מושב, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן באָדן פון קרן קימת, געוואָרן אַ פעסטונג פאַר דער פאַרטיידיקונג פון היימלאַנד אין דער שעה פון דער גרעסטער געפאַר. די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים האָבן מיט דעם ווונדערלעכסטן מוט און אומ־באַשרייבלעכער העלדישקייט אויסגעהאַלטן און אָפּגעשטויסן די אַטאַקעס פון סיריע, איראַק און לבנון אין צפון; פון קעניג אַבדאַלאַס עבר־הירדן־מלוכה אין מזרח; און פון עגיפּטן אין דרום, אין נגב. די ליבע צו דער מאַמע־ערד, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין די הערצער פון די חלוצים, פון זייערע יונגע יאָרן אָן, האָט זיי געגעבן דעם גייסט און דעם כוח אַנטקעגנצושטעלן זיך און באַזיגן די שונאים, וועלכע זענען געווען אומפאַרגלייכלעך צאָלרייכער, מעכטיקער, און בעסער און שטאַרקער באַוואָפנט. אויך זענען אַ סך פון די קיבוצים און מושבים אין די יאָרן אונטער דער בריטישער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע געוואָרן געהיימע צענטערס פון די מיליטערישע צוגרייטונגען פון דער ״הגנה״, פון וועלכער עס איז גלייך ביי דער פּראָקלאַמירונג פון ישראל אויפגעשטאַנען די העלדישע אַרמיי פון דער מדינה, צבא הגנה לישראל.

נאָך דער באַנייונג פון מדינת ישראל האָט זיך אָנגעהויבן די נייע גרויסע

עפּאַכע אין דער אַרבעט פֿון קרן קימת. דער פֿאָלקס־פֿאָנד, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ באַשיידענעם אָנהייב מיט קנאַפּע פֿופֿציק יאָר צוריק, האָט איצט גענומען אויף זיך די ריזיקע אויפֿגאַבע אויפֿצוריכטן, אַנטוויקלען, מאַכן אויפֿבליִען אַלע פֿאַרנאַכלעסיקטע, אָפּגעלאָזענע און וויסטע געגנטן פֿון לאַנד, וואָס זענען דאָן נאָך געווען דער שטאַרק־איבערוועגנדיקער גרעסטער טייל פֿון דער פּעריפֿעריע פֿון דער מדינה. די שליחות פֿון יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד פֿאַר ענדערן דאָס גאַנצע אויסזען פֿון לאַנד, פֿאַר פֿאַרוואַנדלען די גרויסע און ברייטע מדבריות און נאַקעטע בערג אין בליִענדיקע פֿעלדער און גרינע וועלדער האָט זיך איצט אָנגעהויבן אין דעם גראַנדיעזן פֿאַרנעם, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין קיין שום אַנדערן ווינקל פֿון דער וועלט.

שוין אין 1949 האָט די רעגירונג פֿון דער באַנייטער מדינת ישראל איבערגע־געבן אין רשות פֿון קרן קימת דעם ערשטן מיליאָן דונאַם לאַנד פֿאַר מאַכן אויפֿ־בליִען און צוגרייטן פֿאַר אויפֿשטעלן דאָרט דאָרפֿישע ישובים. אין 1957 האָט די רעגירונג אונטערגעשריבן אַ ווייטערדיקן אָפּמאַך מיטן יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד וועגן דער צווייטן מיליאָן דונאַם לאַנד. און ביז עס איז אָפּגעלאָפֿן דער ערשטער יאָרצענטליק פֿון באַנייטן קיום פֿון מדינת ישראל האָט דער קרן קימת שוין געהאַט אונטער זיין יוריסדיקציע פֿיר מיליאָן דונאַם באָדן אין אַלע טיילן פֿון לאַנד, וואָס ער האָט אַנטוויקלט און אויפֿגעריכטעט אַלס אייגנטום פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק, בלייבנדיק געטריי דעם עיקר־פּרינציפּ, מיט וועלכן דער יידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד איז געשאַפֿן געוואָרן. אין 1960 איז דורך אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט דער ישראל־רעגירונג איבערגעגעבן געוואָרן דעם קרן קימת די פֿולע אויפֿגאַבע צו אַנטוויקלען און מאַכן אויפֿבליִען אַלע פֿאַרנאַכלעסיקטע געגנטן פֿון לאַנד. אויפֿן גרונט פֿון דעם אָפּמאַך איז דער יידישער נאַציאָנאַל־פֿאָנד די איינציקע אינסטיטוציע אין ישראל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר דעם דאָזיקן פֿונדאַמענטאַלן נאַציאָנאַלן אויפֿבוי־ציל.

גרויסע שטחים אין מערב־גליל, אין די בערג פֿון יהודה, אין נגב און אַנדערע טיילן פֿון לאַנד האָבן נאָך געדאַרפֿט אויסגערייניקט ווערן פֿון די שטיינער, אויס־געטריקנט ווערן פֿון די זומפּן, באַפֿרייט ווערן פֿון די זאַמדן, קולטיווירט ווערן, באַפֿרוכפּערט ווערן, אויסגעלייזט ווערן — צוגעגרייט ווערן פֿאַר דאָרפֿישע און אויך שטאָטישע ישובים. נייע מעטאָדן האָבן געדאַרפֿט דערפֿונדן און באַנוצט ווערן. די מאָדערנסטע טעכנאָלאָגיע האָט דאָ געדאַרפֿט אָנגעווענדט ווערן, מיט די שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע מאַשינען. די ערד פֿון ישראל האָט לאַנגע־לאַנגע דורות געוואַרט אויף אַזאַ וווּנדערלעכער באַנייונג און ווידעראויפֿלעבונג,

און דער קרן קימת האָט זיך אונטערגענומען דאָס דורכצופירן. ווידעראַמאָל האָט אַ חלום פון טויזנטער יאָרן געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן מיט דעם שטאַרקסטן ווילן און אַנטשלאָסנקייט, מיט קאָנצענטרירטע אָנשטרענגונגען און פעיקייטן, און מיט דער איבערגעגעבנקייט און הילף פון וועלט־יידנטום. די רעגירונג פון ישראל, די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג און דורך איר דאָס יידישע פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות האָבן אָנפאַרטרויט דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד די שליחות צו פאַר־וואַנדלען דעם טויזנטער־יעריקן חלום אין אַ ווירקלעכקייט — אַז ארץ־ישראל זאָל ווידער ווערן דאָס בליענדע לאַנד פון פעלדער, גאַרטנס און וועלדער, ווי דאָס לאַנד פון די אבות איז געווען אַמאָל, אין די תנ״כישע צייטן. און ניט בלויז דאָס — גרינע שטחים פון לאַנד זאָלן אויך צוגעגרייט ווערן פאַר אויפבויען שטעט און מאָדערנע אינדוסטריעס, פאַר אויסברייטערן די ווירטשאַפט פון דער מדינה צו קאָנען איינאָרדענען דעם גרויסן שטראָם פון נייע עולים.

און דער קרן קימת האָט אויפגעטאָן דאָס אוממעגלעכע. שוין אין די ערשטע צען יאָר פון באַנייטן קיום פון מדינת ישראל זענען אויף דעם לאַנד, וואָס איז אַנטוויקלט און ווידעראויפגעלעבט געוואָרן דורך דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד אויפגעשטעלט געוואָרן פינף הונדערט איין און צוואַנציק נייע דאָרפישע ישובים, צו די 314 וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן אין משך פון די פריערדיקע פופציק יאָר. און באַלד אין די ערשטע פינף יאָר פון דער מדינה זענען אויף די צוגע־גרייטע שטחים פון קרן קימת, בשכנות צו די שטעט און אין די נייע שטאָטישע צענטערס, אויפגעבויט געוואָרן 60,300 דירות, וואָס זענען געווען אַזוי דרינגנדיק נויטיק פאַר די ביי־אָנגעקומענע עולים. גרויסע שטחים לאַנד זענען אויך אַנט־וויקלט געוואָרן פאַר אויפשטעלן פאַבריקן, באַזונדערס אויף צפון פון חיפה, ווו עס זענען געגרינדעט געוואָרן נייע אינדוסטריעס, און אויך ביי תל־אביב, ירושלים און נתניה.

אַ ריזיקע אַרבעט איז אין דער צייט דורכגעפירט געוואָרן דורכן קרן קימת פאַר אויסטריקענען זומפּן און זיי פאַרוואַנדלען אין בליענדיקע פעלדער. אין עמק יזרעאל, אין עמק חפר, אין צפון־גליל זענען אויפגעשטאַנען נייע דאָרפישע ישובים אויף די ערטער, וואָס זענען פריער געווען טיפע בלאָטעס, וועלכע האָבן פאַרפעסטעט די אַרומיקע געגנטן מיט מאַלאַריע. דער וווּנדערלעכסטער אויפטו פון קרן קימת אויף דעם געביט איז געווען די אויסטריקענונג פון די פיל הונדער־טער יאָרן אַלטע חולה־זומפּן אין צפון גליל, וועלכע זענען געווען אַ געפאַר פאַר דעם גאַנצן ראַיאָן און האָבן געשטערט אין דער אַרבעט פאַר דער ווידעראויפריכ־טונג פון דעם טייל פון דער מדינה.

אַ לאַנגע צייט האָט די אָפּעראַציע אויסצוטרוקענען די חולה־זומפּן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ גאַנצער וועלט. דריי פערטל מיליאָן קוב־מעטער בלאָטעס און שטיינער זענען אויסגעגראָבן געוואָרן, באַזייטיקט געוואָרן מיט די בייעסטע טעכנישע מיטלען. אַ קאָמפּליצירט סיסטעם איז דורך עקספּערטן מיט גרויסע קענטענישן און דערפאַרונגען און הויך־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אָנגעווענדט געוואָרן פאַר מאַכן אויפבליען דעם ריזיקן פאַרנאַכלעסיקטן שטח, און אויפן אָרט פון די זומפּן זענען מיט מענטשלעכע הענט, וויסן און פעיקייטן באַשאַפן געוואָרן זעכציק טויזנט דונאַם לאַנד פאַר דאָרפישע ישובים. און די וואַסער־אוצרות, וואָס זענען אויפגעדעקט געוואָרן און באַפרייט געוואָרן דורך דער אויסטריקענונג פון די זומפּן, זענען געוואָרן דער קוואַל פאַר באַוואַסערן און באַפרוכפערן נאָך 200,000 דונאַם לאַנד אין דער געגנט, געבנדיק אויך די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן עלעקטרישע קראַפט.

די אַנטוויקלטע און ווידער־אויפגעבליטע ערד איז אַ דאַנק אָט דער ווונדערלעכער אָפּעראַציע פון קרן קימת געוואָרן אַזוי פרוכטבאַר, אַז עס קאָנען דאָרט זיין צוויי גערעטענישן אַ יאָר. די עקספּערטן פון קרן קימת האָבן דאָרט פאַרפלאַנצט פאַרשידענע מינים תבואות און גרינצייג, וואָס האָבן זיך גוט איינגעגעבן. אַ געגנט, וואָס איז געווען פאַרלאָזן און וויסט אין משך פון לאַנגע, לאַנגע הונדערטער יאָרן, האָט אויפגעבליט אין צען־צוועלף יאָר, זינט די יידישע מדינה איז באַנייט געוואָרן.

גלייכצייטיק זענען אויפגעריכט געוואָרן אַנדערע געגנטן פון לאַנד. אַ ביי לעבן איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער היסטאָרישער געגנט פון ל כ י ש , אין דרום, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן דורכן קרן קימת פאַר דאָרפישע און שטאָטישע ישובים. גאַנץ נייע מעטאָדן זענען דאָ באַנוצט געוואָרן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געגנט — מיט דורכפירן וועגן און וואַסער־רערן־ליניעס און מיט באַזונדערע באַמיונגען פאַר גרינדן דאָ לאַנדווירטשאַפטלעכע פּלאַנטאַציעס פאַר אינדוסטריע־צוועקן. דאָרפישע און שטאָטישע ישובים זענען דאָ אויסגעפּלאַנירט געוואָרן פאַר העלפן און דערגאַנצן איינע די אַנדערע אין דעם געמיינזאַמען פּראָגראַם צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע געגנט אין אַ גרויסן עקאָנאָמישן צענטער פון דער מדינה. אויך פאַר דער איינאָרדענונג פון די עולים, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אַהער, זענען באַנוצט געוואָרן אַנדערע מעטאָדן. די ניי־געקומענע זענען אין די ערשטע צייטן באַשעפטיקט געוואָרן דורכן קרן קימת ביי די אַנטוויקלונגס־אַרבעטן, צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר די ישובים. שפּעטער האָבן זיי אויך אַליין געהאָלפן בויען זייערע היימען.

דאָס זעלבע סיסטעם האָט דער קרן קימת אויך איינגעפירט דערנאָך אין אַנדערע געגנטן פון לאַנד, וואָס זענען אַנטוויקלט געוואָרן. אַדאַנק דעם האָבן צענדליקער טויזנטער נייע עולים געקראָגן אַרבעט אין די ערשטע צייטן, פאַרלייכטערנדיק זייער איינאָרדענונג אין עקאָנאָמישן און אויך סאָציאַלן לעבן פון לאַנד.

אין פרילינג 1967 האָט דער קרן קימת אָנגעהויבן אויפריכטן די באַרגיקע געגנט פון עדולם, וואָס איז געווען ווילד און פוסט. דאָס איז די געגנט אויף דרום־מערב פון ירושלים, מיט די בערג און טיפע היילן, ווו דער יונגער דוד איז מיט פיר טויזנט יאָר צוריק אַנטלאָפן כדי אויסבאַהאַלטן זיך פון שאול המלך. זייער ווייניקע האָבן געגלויבט, אַז מען וועט קאָנען מאַכן אויפבליען די ווילדער־ניש, וואָס האָט דאָ אָנגעהאַלטן נאָך פון די תנ״כישע צייטן. די עקספּערטן פון קרן קימת וויסן אָבער ניט פון קיין אוממעגלעכקייטן. זיי האָבן זיך אונטערגע־נומען צו אַנטוויקלען דאָ הונדערט טויזנט דונאַם לאַנד פאַר אויפשטעלן נייע ישובים. באַלד אין ערשטן פּלאַן איז געווען פאָרויסגעזען צו גרינדן דאָ אַרום צוואַנציק ישובים. דערביי איז פון אָנהייב אָן פּראָיעקטירט געוואָרן איינצוטיילן די ישובים אין גרופּעס צו פינף־זעקס דערפער, אַרום וועלכע עס זאָל אויפגע־שטעלט ווערן אַ שטאָטישער צענטער, מיט אַלע נויטיקע אינסטיטוציעס און איינ־ריכטונגען. די באַזונדערע גרופּעס ישובים זענען פאַראייניקט געוואָרן צווישן זיך דורך וועגן, וועלכע זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן דורכן קרן קימת. גלייך פון אָנהייב איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז די שטחים ווו עס וועט ניט קאָנען איינגעפירט ווערן קיין דאָרפישע ווירטשאַפט, באַזונדערס די הויך־באַרגיקע ערטער, וועלן באַפלאַנצט ווערן מיט וועלדער. און אַזוי ווי אין לכיש, זענען אויך אין עדולם די נייע עולים, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אַהער, באַשעפטיקט געוואָרן באַלד דורכן קרן קימת ביי די אַנטוויקלונגס־אַרבעטן, ביים צוגרייטן דעם באָדן פאַר לאַנדווירטשאַפט און ביים פלאַנצן וועלדער.

אויך אין פלאַנצן וועלדער זענען אין דער באַנייטער יידישער מדינה אויפגעטאָן געוואָרן ממש וווּנדער. ווער האָט דעמאָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין נגב וועלן וואַקסן ביימער, און אַז גרינע וועלדער וועלן זיך אויסשפּרייטן איבער גרויסע שטחים פון דעם טויזנטער יאָר אַלטן טרוקענעם מדבר? אָבער עס איז געשען. אַ פּרווו איז געמאַכט געוואָרן אין די זאַמדן צווישן ח ל ץ און ג ב ר־ע ם, און די איינגעפלאַנצטע עקאַליפּטוס־ביימלעך האָבן אָנגעהויבן וואַקסן און בליען — כמעט אָן וואַסער. ניט אומזיסט האָט מען זיי דאַן אָנגערופן ״יידישע ביימער״. אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק, אַזוי האָבן אויך אָט די ״יידישע ביימער״ באַשלאָסן, אַז זיי מוזן אויסהאַלטן און לעבן אויף דער דאָזיקער ערד. אויך אַנדערע

ביימער זענען געוואַקסן אין ארץ־ישראל אין די אור־אַלטע צייטן. איצט זענען זיי צוריקגעקומען און האָבן באַוויזן, אַז ארץ־ישראל איז טאַקע זייער היים. ארץ־ישראל און אַט די ביימער האָבן געוואַרט לאַנגע, לאַנגע דורות צו באַהעפטן זיך פונדאַסניי. און דער קרן קימת איז געווען דער שדכן.

אַן ענלעכער וווּנדער איז באַשאַפן געוואָרן אין דער געגנט ביים ים־המלח, ווו עס איז טויזנטער יאָרן גאָרניט געוואַקסן, אפילו ניט קיין גראָז; ווו די טיפע זאַמדן מיט זייערע שטורעמס האָבן געמאַכט אוממעגלעך יעדע שפּראָצונג. אָבער דער קרן קימת האָט ווידעראַמאָל באַוויזן דאָס אוממעגלעכע און האָט פאַרפלאַנצט ביימער אין דער וויסטער געגנט. און ווען אינמיטן פון מדבר איז אויפגעשטאַנען די שטאָט ד י מ ו נ ה, צווישן באר־שבע און סדום, האָט קרן קימת דאָרט געפלאַנצט ביימער צו ענדערן און מאַכן אויפבליען די גאַנצע לאַנדשאַפט; אַז די שטאָט מיט די פאַבריקן, וואָס זענען דאָרט געגרינדעט געוואָרן, זאָלן אַרומגערינגלט ווערן מיט פריש לעבן און דופטיקן קילן שאָטן אונטער דער ברענענדיקער זון. דאָס גאַנצע לעבן פון די איינוווינער אין דער מדבר־שטאָט האָט זיך געענדערט, איז געוואָרן לייכטער, אָנגענעמער, שאַפערישער. און אין דימונה און אַרום דער שטאָט זענען טאַקע געגרינדעט געוואָרן נייע אינדוסטריעס, וואָס האָבן אַרייַנגעבראַכט אַ דינאַמישן טעמפּאָ אין דער אויפגעריכטער און אויפגעבליטער געגנט.

אין יענע יאָרן איז געפלאַנצט געוואָרן דער י ע ר ה ק ד ו ש י ם צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצי־בעסטיעס; דער וואַלד שפּרייט זיך אויס איבער טויזנטער דונאַם אויף די נאַקעטע און ווילדע בערג פון יהודה, אין ירושלימער קאָרידאָר, און איז אַן אייביקער דענקמאָל נאָך דעם דריטל פון יידישן פאָלק, וואָס איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין די פינצטערע היטלער־יאָרן.

נאָך אַנדערע גרויסע וועלדער זענען אין דער תקופה געפלאַנצט געוואָרן דורכן קרן קימת, צווישן זיי: יער המגינים, אין די בערג פון יהודה; יער הנשיא, יער הגיבורים.

שוין אין די ערשטע צען־צוועלף יאָר נאָך דער באַגייונג פון מדינת ישראל האָט קרן קימת אויפגעטאָן און דערגרייכט מער, וויפל עס וואָלט ביי נאָרמאַלע אומשטענדן און ביי געוויינלעכער אַרבעט געדאַרפט דויערן אַ הונדערט יאָר פאַר אַרויסטרייבן די וויסטעניש, ווילדערנישן און זומפּן.

און דאָס איז געווען בלויז דער אָנהייב ביי די נייע באַדינגונגען אין באַפרייטן זעלבשטענדיקן יידישן היימלאַנד.

7. אויפן וועג צו פאַרווירקלעכונג פון נייע חלומות

"ווען איך וואָלט געוואָלט באַצייכענען די אַרבעט און די דערגרייכונגען פון קרן קימת אין איין קורצער פאָרמולע, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד דריקט אויס דעם רעוואָלט קעגן דער געאָגראַפיע" — האָט ביי דער פייערונג אין ירושלים לכבוד דעם פינף און זיבעציק־יעריקן יובילײ פון קרן קימת זייער ריכטיק און זייער טרעפלעך באַטאָנט דער פאָרזיצער פון דירעקטאָריום פון קרן קימת, י ע ק ב צ ו ר, דער פראָמינענטער ציוניסטישער פירער און אידעאָלאָג. און יעקב צור, דער וועטעראַן פון קרן קימת, דער ווירדיקער יורש פון מנחם אוסישקין און ד"ר אברהם גרנות (גראַנאָווסקי), וואָס האָט איצט פאַרענדיקט זיין אַמט, האָט געגעבן אַ גרינדלעכע און טיפע דערקלערונג פון דער קורצער פאָרמולע:

"מיר אַלע קענען די באַגרענעצונגען, וואָס די נאַטור האָט פאַר אונדז געשטעלט אין אונדזער לאַנד, ארץ־ישראל" — האָט יעקב צור אויסגעפירט — "דער רוב פון דער ערד אין דער יידישער מדינה איז פעלדזיקער באָדן און מדבריות, וואָס האָבן אויסגעזען, אַז מען וועט זיי קיינמאָל ניט קאָנען אַנטוויקלען און מאַכן פרוכטבאַר. דאָס איז געווען דער גזר־דין פון דער געאָגראַפיע. אָבער מיר האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. און אַנטקעגן די דאָזיקע אָביעקטיווע, כמעט ווי אומבאַזיגבאַר שווערע באַדינגונגען האָבן מיר אַרויסגעשטעלט דעם כוח פון אונדזער רצון, די קראַפט פון אונדזער נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט, און מיר האָבן געגעבן דעם געהעריקן ענטפער אויף דעם אַרויסרוף. ווען מיר האָבן געענדערט דעם אויסזען פון די ירושלימער בערג, האָבן מיר מורד געווען אין דער געאָגראַפיע. ווען מיר האָבן אויסגעטריקנט די זומפּן פון חולה, האָבן מיר ווייטער אָנגעפירט דעם רעוואָלט. ווען מיר האָבן אַרויסגעריסן די ריזיקע פעלדזן ביי דער לבנון־גרענעץ; ווען מיר האָבן אַנטפּלעקט פרוכטבאַרע באָדן־שיכטן אונטער די שטיינער פון גליל; ווען מיר האָבן פאַרוואַנדלט לכיש און עדולם אין געגנטן, וואָס זענען באַדעקט געוואָרן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און שטאָטישע צענטערס; ווען מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר קאָנען נאָך באַזעצן מענטשן אפילו אויף דער טרוקענער ערד פון דער ע ר ב ה אין נגב און אין ירדן־טאָל — האָבן מיר געוואָגט צו לייקענען אין די געזעצן פון דער קלאַסישער געאָגראַפיע. די גאַר גרעסטע מערהייט פון די ישובים, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אונדזער לאַנד פריער, פאַר דער פראָקלאַמירונג פון דער באַנייטער מדינת ישראל, און נאָך דער ווידעראויפריכטונג פון דער מדינה, זענען געגרינדעט געוואָרן אויף דעם באָדן, וואָס דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט אַנטוויקלט און געמאַכט

אויפבליען, מיט אונדזערע אייגענע הענט, מיטן כוח פון דער מאָדערנער טעכניק און מיט דער מסירת נפש פון אונדזערע עקספּערטן און אַרבעטס־גרופּעס", — האָט יעקב צור באַטאָנט.

די פאַרגאַנגענע צען־פופצן יאָר זענען באַזונדערס געווען די תקופה פון הויך־אַנטוויקלטער מאָדערנסטער טעכנאָלאָגיע אין דער אַרבעט פון קרן קימת — מיט דעם ציל צוצוגרייטן זיך צו די נייע גרויסע אויפגאַבן, וואָס דערוואַרטן די יידישע מדינה אין דער ווידעראויפריכטונג און ווידעראויפלעבונג פון לאַנד אין דער צוקונפט, ווען מיר דערנענטערן זיך צום יאָר צוויי טויזנט, מיט די שטאַרק אויס־געוואַקסענע פאָדערונגען און נויטווענדיקייטן.

באַכן ענדערן דעם אויסזען און אין גאָר אַ גרויסער מאָס אויך דאָס לעבן אין ארץ־ישראל, וואָס איז געווען ווייסט אַזויפיל הונדערטער יאָרן, גייט שוין איצט דער יידישער באַציאָנאַל־פאָנד צו דער באַהאַנדלונג און לייזונג פון די קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען פון יאָר 2000 — אין הסכם מיט די געענדערטע באַדינגונגען אין דער מדינה.

אין די זעכציקער יאָרן איז ביי דער לאַגע, ווען ישראל האָט ווייטער געדאַרפט זיין אויף דער וואַך קעגן די אַגרעסיווע אַראַבישע שונאים, אַנטשטאַנען די נויט־ווענדיקייט צו פאַרבינדן די אַנטוויקלונגס־אַרבעט פון קרן קימת מיט די פאָדע־רונגען פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. און אַזוי זענען געגרינדעט געוואָרן די נח"ל ("נוער חלוצי לוחם")־פּונקטן ביי די גרענעצן, ווו די יוגנטלעכע באַשיצער פון דער מדינה האָבן טיילווייז דורכגעמאַכט זייער מיליטער־דינסט און טיילווייז זיך אָפּגעגעבן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, אַנטוויקלענדיק גלייכצייטיק די געגנטן. די מערסטע פון די נח"ל־פּונקטן זענען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּערמאַנענטע דאָרפישע ישובים.

אין דער דאָזיקער תקופה האָט דער קרן קימת זיך אויך אָפּגעגעבן אַ סך מיט קאָנסאָלידירן, און אין אַ גרויסער מאָס אויך איבערבויען די עלטערע דאָרפישע ישובים אין גליל און אין יהודה, אויסברייטערנדיק די שטחים פאַר לאַנדווירט־שאַפט. און אַ גרויסע פּיאָנערישע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר עפענען די ערבה, אין דרום־טייל פון לאַנד, און אַנדערע ווייטע געגנטן פאַר אויפשטעלן דאָרט נייע ישובים. גלייכצייטיק איז פאַרגרעסערט געוואָרן דאָס פלאַנצן וועלדער, צופּאַסנדיק זיך צו די נייע נויטווענדיקייטן, אַז די וועלדער זאָלן געעפנט ווערן פאַר די אָפּרו־באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג און זאָלן אויך דינען די עקאָ־באָמישע צוועקן, וואָס זענען איצט געוואָרן אַזאַ ערנסט פּראָבלעם אין דער גאַנ־צער וועלט.

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין 1967 זענען די אַקטיוויטעטן פון קרן קימת אויסגעברייטערט געוואָרן אין אַ נייעם גרויסן פאַרנעם. אין דער ערבה איז דורך די אַנטוויקלונגס־אַרבעטן געשאַפן געוואָרן 20,000 דונאָם לאַנד פאַר דאָרפישער ווירטשאַפט. דערביי זענען אין דער ווידעראויפריכטונגס־אַרבעט אין דער ערבה־געגנט און אויך די גרויסע טיילן פון עמק הירדן און אַנדערע געגנטן באַנוצט געוואָרן נייע מעטאָדן, דערפונדן דורך די עקספּערטן פון קרן קימת. אין די טרוקענע געגנטן איז געבראַכט געוואָרן פּרוכטבאַרע ערד פון ווייטע ראַיאָנען, און נאָך אַנדערע מיטלען, וואָס קאָנען באמת באַצייכנט ווערן אַלס רעוואָלוציאָנערע, זענען אָנגעווענדעט געוואָרן. אין 1967 איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דער ישראל־רעגירונג און קרן קימת, לויט וועלכן דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט איבערגענומען אויף זיך אַלע אַרבעטן אין די פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד, אַלס צוגרייטונג פאַר אויפשטעלן נייע ישובים.

צו אַ גרויסער פּיאָנערישער אויפגאַבע איז קרן קימת אַריבערגעגאַנגען אין דער תקופה, צוטרעטנדיק דורכצופירן, אין אַ ברייטן פאַרנעם, נייע שאָסייען און וועגן, מערסטנס אין ווילדע באַרגיקע געגנטן, צו עפענען די טיילן פון לאַנד פאַר אַנטוויקלונג און אויפבוי. דערמיט איז אויך אין די געגנטן, וווּ עס זענען אויפגעשטאַנען נייע ישובים, פאַרשטאַרקט געוואָרן די פאַרטיידיקונג קעגן אַראַבישע אַריינדרינגלער און אָנפאַלער. צווישן די וועגן, וואָס זייער דורכפירונג האָט אָפּט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע באַוווּנדערונג איבער די זייער שווערע און קאָמפּליצירטע געאָגראַפישע באַדינגונגען, דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן: דער וועג, וואָס ציט זיך איבער דער לענג פון עמק הירדן, אַראָפּנידערנדיק פון בית שאָן קיין יריחו, און איז דער רוקן־ביין פון ישראלס פאַרטיידיקונגס־ליניע איבער דער לענג פון דער גרענעץ מיט דער ירדן־מלוכה; דער וועג צום שפּיץ פון הר חרמון, וואָס הייבט זיך אויף צו דער הויך פון זיבן טויזנט פוס, פון גולן ביז צו דעם העכסטן פּונקט פון באַרג חרמון, וואָס איז אונטער ישראלס קאָנטראָל; דער וועג איבער דער לענג פון דער גרענעץ פון לבנון, פון צופוסנס דעם חרמון־באַרג, ביי דן, ביז דער פאַראייניקונג מיט דעם וועג, וואָס פירט צום שפּיץ פון חרמון. דער דאָזיקער וועג באַשיצט ישראלס צפון־גרענעץ פון דער אַריינדרינגונג פון די אַראַבישע טעראָריסטן, פון דער אַנדערער זייט, פון דרום־לבנון, פון דער געגנט וואָס איז באַקאַנט אַלס "פאַטאַך־לאַנד". די אַנדערע וועגן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורכן קרן קימת, צום באַרג גלבוע, קיין אדוריים, צו דער געגנט פון כורזים, האָבן געעפנט די ראַיאָנען פאַר אויפשטעלן דאָרט אַ גרעסערע צאָל נייע לאַנד־

ווירטשאַפטלעכע ישובים. אַ בעק פון וועגן זענען דורכגעפירט געוואָרן אויף רמת הגולן און אין גוש עציון.

דאָס דורכפירן וועגן און שאָסייען איז געוואָרן אַ נייע אויפגאַבע פאַרן קרן קימת זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. ביים סוף פון 1975 האָט דער קרן קימת שוין געהאַט אויפגעבויט 3,100 קילאָמעטער וועגן, וועלכע שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָלע פאַר דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון לאַנד און אויך פאַר דער באַשיצונג פון דער מדינה.

ביזן סוף פון 1975, אָריינגייענדיק אין 75סטן יובילײ, האָט דער קרן קימת געהאַט אַנטוויקלט און געמאַכט אויפלעבן 551,000 דונאַם לאַנד, ניט אַריינרעכע־נענדיק די ריזיקע שטחים בלאָטעס, וואָס זענען אויסגעטריקנט און אויפגעריכט געוואָרן פאַר לאַנדווירטשאַפט.

ביים סוף פון 1975 זענען אין אַלע טיילן פון דער מדינה געווען אויפגעשטעלט 749 דאָרפישע ישובים אין די געגנטן, וואָס קרן קימת האָט געמאַכט פּרוכטבאַר פאַר לאַנדווירטשאַפט. ביים פּראָקלאַמירן די מדינה האָבן עקזיסטירט בלויז 303 אַזעלכע ישובים.

אין 1975 האָבן אין די טיילן לאַנד, וואָס זענען אַנטוויקלט געוואָרן דורכן קרן קימת, זיך געפונען אַ מיליאָן און הונדערט טויזנט איינוואוינער פון דער מדינה, בעת אין 1948 זענען געווען בלויז 125,000 תושבים אויפן באָדן פון יידישן נאַ־ציאָנאַל־פאָנד.

און ביים אַריינגיין אין 75סטן יובילײ־יאָר, אָנהייב 1976, האָט קרן קימת געהאַט געפלאַנצט אין אַלע ראַיאָנען פון דער מדינה, אויף די בערג און אין די טאָלן, הונדערט צוואַנציק מיליאָן ביימער, אין פאַרגלייך מיט דער צאָל פון פינף מיליאָן ביימער אין 1948. די וועלדער פון קרן קימת האָבן איצט די גאָר באַזונדערע באַ־דייטונג פאַר די פּראָבלעמען פון עקאָלאָגיע, וואָס זענען אַדאַנק דעם פאַקטיש געלייזט אין מדינת ישראל. גלייכצייטיק שפּילן די קרן קימת־וועלדער גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער מדינה און זענען די אַזוי שטאַרק נויטיקע אָפּרו־צענטערס פאַר דער באַפעלקערונג. דאָס פלאַנצן וועלדער גיט אויך באַשעפטיקונג פאַר גרויסע מאַסן נייע עולים. עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז מער פון זיבעציק טויזנט נייע עולים האָבן אין די ערשטע צייטן פון זייער געפינען זיך אין לאַנד, ביז זייער איינאָרדענונג, געצויגן חיונה פון דער אַרבעט ביים פלאַנצן די קרן קימת־וועלדער.

זייענדיק איצט דער איינציקער ציוניסטישער פאָנד — בלייבנדיק די אינסטי־טוציע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע נאָך דער גרינדונג פון דער אויס־

געברייטערטער ייִדישער אַגענץ אין 1969 — גרייט זיך דער קרן קימת צו דער נייער תקופה פון יאָר 2000. דער 75־יעריקער ייִדישער נאַציאָנאַל־פאָנד שטעלט זיך איצט די מאָדערנסטע אויפגאַבן אַנטקעגנצוקומען די געענדערטע באַדינגונגען און פאַרגרעסערטע פאָדערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. אין דער ווייטערדיקער מאָדערניזירונג און אויסברייטערונג פון דער לאַנדווירטשאַפט גרייט זיך דער ייִדישער נאַציאָנאַל־פאָנד צו שפּילן זיין ראָלע און ווייזן אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט אין די אַנשטרענגונגען צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון דער געפאַר פון הונגער פאַר דער גיך־וואַקסנדיקער באַפעלקערונג אויף אונדזער ערד — ווי דער קרן קימת האָט אין די פאַרגאַנגענע 75 יאָר מיט זיינע אויפטוען און דערגרייכונגען געשאַפן דעם פאַקט, אַז קיין שום ניט־אַנטוויקלט לאַנד אין דער וועלט איז ניט אַזוי שטאַרק אויפגעריכט געוואָרן אין דער דאָזיקער תקופה, ווי ארץ־ישראל.

ווי אַן אָנהייב פון די נייע גרויסע פּיאָנערישע אונטערנעמונגען, אויף וועלכע דער קרן קימת פאַרמעסט זיך איצט, וועלן אין די נאָענטסטע פינף יאָר אַנטוויקלט און אויפגעבליט ווערן נאָך 200,000 דונאַם לאַנד אין אַלע געגנטן פון דער מדינה. נאָך פינף הונדערט קילאָמעטער וועגן און שאָסייען וועלן דורכגעפירט ווערן אין דער צייט, צו פאַרבינדן די גרענעץ־פּונקטן מיטן צענטער פאַר דעם קיום פון דער מדינה און פאַר דער ווייטערדיקער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל. נאָך הונדערט טויזנט דונאַם נייע וועלדער וועלן אין די נאָענטסטע פינף יאָר צוגעגעבן ווערן צו די איצטיקע גרויסע שטחים לאַנד אין אַלע געגנטן, וואָס זענען באַדעקט געוואָרן מיט די הונדערט צוואַנציק מיליאָןביימער. מיטן בליק צו דער צוקונפט, צו דער נייער עפּאָכע אין יאָר 2000, דאַרף מען האָפן, אַז אין יענער צייט וועלן די קרן קימת־וועלדער — אַנשטאָט דעם, וואָס זיי זענען איצט אין אַ גרויסער מאָס די גרענעץ־ליניע, וועלכע טיילט־אָפּ ישראל פון די פיינטלעכע אַראַבישע לענדער — ווערן דער טרעף־פּונקט, ווו די פריערדיקע שונאים וועלן זיך צונויפקומען און פאַרברענגען אינאיינעם ווי פריינד מיט די איינוווינער פון ישראל, אין שלום און אין פרידלעכן צוזאַמענלעבן.

ייִדן זענען שטענדיק געווען גערעכט, ווען זיי האָבן געחלומט — האָט ד ו ד ב ן ־ ג ו ר י ו ן געזאָגט ביי אַ געלעגנהייט, ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע פאַרערונג און טיפע אָפּשאַצונג פאַר דער אַרבעט פון קרן קימת. און די טרוימער פון קרן קימת — האָט ער צוגעגעבן — האָבן באַוויזן, אַז זיי קאָנען פאַרוואַנדלען חלומות אין ווירקלעכקייט. געטריי די אידעען און פּרינציפּן, מיט וועלכע דער קרן קימת איז געשאַפן געוואָרן — צו זיין אַ פאָלקס־פאָנד, פאַרבונדן מיטן וועלט־

יידנטום; צו שטיין אויף דער וואך, אז דער באדן פון ארץ־ישראל זאל זיין דאס אייגנטום פון גאנצן פאלק ישראל, אפהיטנדיק דאס געזעץ פון דער תורה "והארץ לא תמכר לצמיתות"; צו דערפילן זיין גרויסע דערציערישע ציוניסטישע ראלע, אינאיינעם מיט דער פראקטישער אויפבוי־ארבעט — טרעט אריין דער יידישער נאציאנאל־פאנד אין זיין 75סטן יובליי־יאר צו דער פארווירקלעכונג פון ווייטער־דיקע חלומות פאר דעם ווילזיין פון מדינת ישראל און פון דער וועלט אין אן עפאכע, וואס וועט האפנטלעך ברענגען שלום און פרידלעכע קאאפעראציע פאר דער גאנצער מענטשהייט.

באַגריסונג פון מדינה־פּרעזידענט
פּראָפ׳ אפרים קציר

מיין האַרציקע ברכה איז געשיקט צום קרן קימת לישראל צו די 75 יאָר פון זינט זיין גרינדונג. דער יובילייַ פון קרן קימת איז אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ וועגצייכן פונעם ווידעראויפקום פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. גרויס איז דער ביישטייער פון קרן קימת נישט בלויז פאַר ארץ־ישראל נאָר אויך פאַר עם ישראל און פאַר דער וויזיע פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר, וואָס באַלייכט אונדזער וועג ביזן היינטיקן טאָג. דער קרן קימת האָט אויסגעקריצט אויף זיין פאָן דעם געדאַנק, אַז דער נאַציאָנאַלער באָדן געהערט דעם גאַנצן פאָלק און וועט תמיד בלייבן דער קנין פונעם כלל. דער זידלער אין דאָרף און דער איינוווינער אין דער שטאָט קען דעם באָדן פאַרפאַכטן ביים פאָלק אָבער נישט קויפן אָדער פאַרקויפן אים. אָט דער געדאַנק, וועמענס אַלטער תנ״כישער געבאָט איז ״והארץ לא תימכר לצמיתות״, וואָס איז אינטעגרירט מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַלן פאָרשריט פון אונדזער תקופה, האָט עס געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן אַגראַר־רעזשים אין מדינת ישראל. דאָס איז איינס פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון קרן קימת און פונעם גאַנצן ציוניסטישן ווערק אין וועלכן די פאָרגעשריטנסטע פעלקער אין דער וועלט זען אַ ביישפּיל און מוסטער פאַר אַ פּראָגרעסיווער באָדן־פּאָליטיק.

דער קרן קימת האָט זינט זיין גרינדונג געזען אין דער אויסלייזונג פון באָדן און אויפלעבונג פון די וויסטענישן זיין צענטראַלע מיסיע. די הונדערטער טויזנטער דונאַם וואָס ער האָט דערוואָרבן, ווי זומפּן וואָס ער האָט אויסגעטרוקנט און די פעלדזיקע ערד וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע פעלדער פון וועלכע צענטליקער טויזנטער זידלער זענען זיך מפרנס בכבוד, — זענען אַ באַאיינדרוקנדיקער באַווייז פאַר זיינע דערגרייכונגען. דער קרן קימת איז געווען דער פאַקטאָר, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט די מאַפּע פון זיך באַנייענדיקן ארץ־ישראל. דער קרן קימת האָט פאַרבינדן הונדערטער טויזנטער יידישע משפחות אין אַלע עקן וועלט מיטן גאולה־ווערק פון פאָלק און לאַנד. זיינע סימבאָלן — די בלויע פּושקע, דער ספר הזהב און די ביימער־פלאַנצונגען, — זענען געוואָרן אַ קאָנקרעטער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט פון פאָלק אין די תפוצות, מיט אַלע זיינע שיכטן, מיטן ציוניסטישן אויסלייז־ווערק.

אין די איצטיקע טעג, ווען דאָס ציוניסטישע ווערק איז אַ ציל פון אומגעצוימטן אָנגריף מצד אונדזערע שונאים איז גוט ווידער אויפצוהייבן די פאָן פונעם קרן קימת־ווערק וואָס פאַרוואַנדלט טריקענע ראַיאָנען אין בליענדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, לייגט וועגן אין מדבר און דערמעגלעכט צענטליקער טויזנטער חלוצים אויפצושטעלן מוסטערהאַפטע לאַנדווירטשאַפטן אויף דער באַזע פון גלייכהייט, ברודערשאַפט און קאָאָפּעראַציע. דער ביישטייער פון קרן קימת ביים אָפּהיטן די עקאָלאָגיע און שאַפונג פון אָפּרו־ערטער אין די וועלדער, פּאַרקן און נאַטור־רעזערוואַטן געהערט צו די דערגרייכונגען מיט וועלכע מיר אַלע בענטשן זיך.

גרויס איז דאָס ווערק פון קרן קימת אין די 75 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. זיין אויפגאַבע איז נאָך אָבער נישט פאַרענדיקט. דער פאַרנעם פון די אויפגאַבן וואָס שטייען נאָך פאַר אים איז ווי די גרויסקייט פון די מדבריות און פעלדזיקע שטחים וועלכע באַדעקן נאָך אַ העלפט פון לאַנד.

מיין ברכה צום קרן קימת : ער זאָל באַווייזן צו באַנייען זיין יוגנט ווי אַמאָל, און פאַרשטאַרקן זיינע אויפטועך אויף אַלע זיינע טעטיקייט־געביטן.

באַגריסונג פון פרעמיער יצחק רבין
צום יובל פון קרן קימת

אַ ספּעציעלע באַגריסונג צום יובל פון קרן קימת האָט צוגעשיקט דער פּרעמיער יצחק רבין. אין דער באַגריסונג ווערט געזאָגט:

"דאָס 75סטע יאָר פון קרן קימת שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע סטאַציע אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. די געשיכטע פון קרן קימת איז אידענטיש מיט דער געשיכטע פון רענעסאַנס פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פונעם יידישן פאָלק, אַ געשיכטע וואָס דערציילט וועגן דער דראַמע פון קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין פרייהייט דורך אויסלייזונג פון זיין אַלט היימלאַנד, טריט ביי טריט, דונאַם נאָך דונאַם, אין משך פון די לעצטע דריי־פערטל יאָרהונדערט.

"אין בוי פון מדינת ישראל איז דער קרן קימת געווען דער פאָן־טרעגער פון חלוצישן ווערק און האָט אויך אַ גלענצנדיקן אופן באַוויזן צו פאַראייניקן יידן אין אַלע עקן וועלט אין דער מיטווירקונג ביים אַנטוויקלען און אויפלעבן מדבריות און זומפּן, אויסצוברייטערן די גרענעצן פון אונדזער אַגראַר־קולטור, פאַרזיכערן אונדזערע גרענעצן דורך אויפשטעלן גרענעץ־ישובים וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בליענדיקע דערפער.

"דורך זיין סיסטעמאַטישער אַרבעט אויפן געביט פון באַוואַלדונג און באָדן־אַנטוויקלונג האָט דער קרן קימת מיט דער גאַנצער קראַפט באַנייט און אויפגעלעבט דעם פּייזאַזש פון לאַנד. אַדאַנק דעם קרן קימת קען איצט די באַפעלקערונג פון ישראל געניסן פון אָפּרו אין פּרעכטיקע נאַטור־ווינקעלעך וואָס זענען פריער געווען פּרוכטלאָז און וויסט.

"דאָס אַלץ און נאָך פיל מער — דאָס איז די רשימה פון די דערגרייכונגען פון קרן קימת, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט 75 יאָר צוריק ווי אַ חלום פון פּיאָנערישער אויסלייזונג און איז היינט אַ גרויסע רעאַליטעט פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. מען קען היינט דרייסט זאָגן, אַז דער קרן קימת אַלס אינסטרומענט פון יידישן פאָלק פאַר באָדן־אַנטוויקלונג און מאָביליזירונג פון יידן אומעטום לטובת דער אויפלעבונג פון דער פאַרוואַרלאָזטער ערד, האָט פיל מער דערגרייכט ווי עס האָבן געחלומט זיינע גרינדערס. דאָס פאָלק אין ישראל באַגריסט און בענטשט דעם קרן קימת צו דער געלעגנהייט פון זיין 75־יעריקן יובליי".